שנה ג'
נומער קי"ט
**פרשת שמיני**
תשפ"ב

# קרית ברסלב
בזעל



בילדער אפטיילונג:
**פורים ביים ראש ישיבה שליט"א**

מעשיות פון תפלה:
**ארויסגעזעהן פונעם קרעדיט קארד סקעם**

א סעודה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א:
**מלחמת גוג ומגוג גייט זיין אינעם מח**

## היסטארישער שבת התוועדות סיום סדר מועד
### פרשת ויקרא אין ארמון האטעל



קבלת פנים ביים חתונה אין ישיבה פון החתן תלמיד הישיבה אברהם צוויבל נ"י - ג' ויקרא תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע
**מרדכי אינדיג**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**



**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**

718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**

845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191

**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**

212.444.9169

BRESLEVCENTER.COM


## בריוו
### פון די רעדאקציע

## באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א אין ארץ ישראל

לכבוד אלע חשובע ליינער פון ארץ ישראל.

אזוי ווי אלע האלטן מיט איז דער ראש ישיבה שליט"א געפארן אויף א בליץ באזוך קיין ארץ ישראל, צום ערשטן יארצייט פון זיין גרויסן זיידן הרה"ק רבי יחזקאל רוטה זצ"ל גאב"ד קארלסבורג, וואס ליגט אין שטאט מירון, אויך טוט דער ראש ישיבה אפשטאטן באזוכן ביי אנשי שלומינו אין אפאר שטעט אין ארץ ישראל.

דעריבער ווילן מיר בעטן אויב האט איר בילדער, אדער גוטע רעקארדירונגען פונעם באזוך, אזוי אויך שיינע שמועסן פונעם ראש ישיבה דא און דארט, ביטע שיקט אריין צו די מערכת, אזוי וועט איר מזכה זיין נאך אידן זאלן קענען מיטהאלטן פונעם גרויסן באזוך.

רופט אדער שרייבט צום רעדאקציע אויף דעם נומער 845-379-1161

אדער שיקט א אימעיל

breslevofficeliberty@gmail.com

# זמנים Liberty

**פרשת שמיני כ"ג אדר ב' תשפ"ב**

**הדלקת הנרות.........06:58**
**מוצאי שבת ............ 08:30**
**מנחה מעריב תזריע . 08:15**

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 25 | 51°/35° | Mostly Cloudy | |
| Sat 26 | 47°/30° | Cloudy | |
| Sun 27 | 39°/18° | Mostly Cloudy | |
| Mon 28 | 34°/23° | Partly Cloudy | |
| Tue 29 | 46°/32° | Partly Cloudy | |
| Wed 30 | 50°/34° | Mostly Cloudy | |
| Thu 31 | 51°/34° | Few Showers | |
| Fri 01 | 52°/37° | Partly Cloudy | |

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה חיים ישעי' דעפריס הי"ו**
**וזוגתו חיה תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און אלע קינדער.

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמן א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה ישראל פוקס הי"ו**
**וזוגתו אסתר תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל.

# נייעס

## די אידישע וועלט באווײנט די פטירה פון הגאון הגדול מרן רבי חיים קנייבסקי זצוק"ל



עס איז שוין היינט ברייט באקאנט דער סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן (שיחות הר"ן, סימן ע"ו), אז מען זאל זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען זאגט, און אפילו מען געדענקט גארנישט וואס מען האט געלערנט, און אז א מענטש וועט זאגן אסאך די ווערטער פון די הייליגע תורה, וועט ער צום סוף פארשטיין און קענען די הייליגע תורה.

מיט צוויי יאר צוריק, ווען פילע אידן האבן זוכה געווען מסיים צו זיין ש"ס, איז אפגעהאלטן געווארן אן אינטערעסאנטע שמועס מיט'ן גרויסן גאון רבי חיים קנייבסקי זצ"ל, וואס איז נסתלק געווארן פארגאנגענעם ערב שבת קודש צו - שושן פורים, אין וואס ער שמועסט אויס דעם ענין, פאלגנד איז דער שמועס:

שאלה: פון וועלכן עלטער זאל מען אנהויבן מעורר צו זיין די קינדער זיי זאלן דורכלערנען גאנץ ש"ס?

רבי חיים: דער הייליגער חזון איש זצ"ל האט געהאלטן אז א אינגל זאל ענדיגן גאנץ ש"ס ביז צו זיין בר מצוה.

שאלה: איז דען דאס נישט "תפסת מרובה לא תפסת", עס איז נישט געכאפט צופיל אויף איין מאל? צו ענדיגן גאנץ ש"ס נאך פאר די בר מצוה?!

רבי חיים: נישט צו קענען גאנץ ש"ס, נאר דורצולערנן גאנץ ש"ס, איך האב אויך געלערנט מיט מיין זון גאנץ ש"ס ביז זיין בר מצוה.

שאלה: און אויב דאס קינד זאגט סתם די ווערטער אן פארשטיין? אדער אן ערוואקסענער וואס פארט אינטערוועגנס און וויל אויסניצן די צייט, איז דא אן ענין בלויז צו זאגן דפים גמרא אפילו מ'פארשטייט בכלל נישט?

רבי חיים: זיכער, די גמרא זאגט (שבת סג.): "ליגמר איניש והדר ליסבר אף על גב דלא ידע מאי קאמר". א מענטש זאל לערנען אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער זאגט.

שאלה: אויב א קינד מאכט א סיום מסכתא, קען מען דאס רעכענען אלס א סיום פאר ערוואקסענע זיי זאלן מעגן עסן פלייש אין די ניין טעג, אדער צו פטר'ן תענית בכורים אום ערב פסח?

רבי חיים: יא.

שאלה: איר האט אמאל געגעבן א ברכה פאר א איד ער זאל ענדיגן 613 (תרי"ג) מאל גאנץ ש"ס, ווי אזוי איז דאס בכלל מעגליך?

רבי חיים: מען קען דורכלויפן אין קאפ גאנץ ש"ס אין א קורצע צייט במחשבה.

שאלה: האט דער הייליגער חזון איש זצ"ל זיך געפירט צו מאכן א סיום אין טאג פון א יארצייט?

רבי חיים: ווען דער הייליגער חזון איש זצ"ל האט געהאט יארצייט נאך זיינע עלטערן, האט ער גענומען א גמרא מסכת חולין און איז דורכגעגאנגען די גאנצע מסכתא אין קאפ פאר א שעה צוויי, און געמאכט א סיום מסכתא.

שאלה: אויב זיצט מען ביי א שיעור גמרא, קען דאס ווערן גערעכנט פאר א סיום, אפילו מען האט נישט ארויסגעזאגט די ווערטער?

רבי חיים: לויט'ן גר"א קען מען מאכן א סיום נאר מיט'ן טראכטן די מסכתא, און זיכער ווען מען הערט עס ביים שיעור, שומע כעונה.

שאלה: ענדיגן א מסכתא אן רש"י, קען ווערן גערעכנט פאר א סיום?

רבי חיים: יא, אביי האט דאך געמאכט א סיום [עבידנא יומא טבא לרבנן] אן פירוש רש"י (וואס איז נאכנישט געווען דעמאלסט, ווי פארשטענדליך).

שאלה: אויב האט מען פארפעלט אביסל פון די מסכתא, קען מען מאכן א סיום?

רבי חיים: עס איז נישט אזוי ווי קריאת התורה וואס יעדע אות איז מעכב, נאר אויב עס פעלט א גאנצע סוגיה.

שאלה: איינער האט געענדיגט א מסכתא און נישט געמאכט קיין סיום, דערנאך האט ער נאכאמאל איבערגעלערנט די מסכתא, קען ער יעצט מאכן צוויי מאל א סיום?

רבי חיים: יא.

שאלה: די נוסח פון הדרן וואס מען זאגט ביים ענדיגן א מסכתא, מעג מען זאגן אום שבת קודש?

רבי חיים: יא.

שאלה: וואס קען א איד טון ווען ער זעט אז ער איז נישט מצליח צו לערנען און געדענקען גאנץ ש"ס, כאטש ער וויל אזוי שטארק און האט שוין פרובירט פאר לאנגע יארן, און עס ארבעט זיך נישט אויס?

רבי חיים: ער זאל בעטן דעם אייבערשטן, תפילה העלפט אויף אלעס.

שאלה: ביי וועלכן פלאץ אינעם דאווענען זאל ער בעטן אויף דעם?

רבי חיים: סיי וואו ביים דאווענען. עס איז אבער נישט גענוג די תפלות פון שמונה עשרה, מען דארף אויך בעטן דעם אייבערשטן מיט אייגענע ווערטער, זיך אויסרעדן צום אייבערשטן אזוי ווי מען רעדט זיך אויס צו נאנטער גוטער פריינד. קוק נאך ביאור הלכה סימן תקע"א.

שאלה: וואס זאלן מיר מתפלל זיין פאר אייך ביי די מקומות הקדושים?

רבי חיים: מען זאל מיך לאזן לערנען...

## היסטארישע שבת התוועדות - סיום סדר מועד



די פאפיר איז צו קורץ אפצושרייבן באריכות דעם הערליכן שבת, וואס איז אריבער אויף די אריבער פונעף הונדערט משפחות פון אנשי שלומינו דעם פארגאנגענעם שבת קודש אינעם ארמון האטעל סטעמפארד קאנעטיקוט. מיר ווענן אבער פרובירן אראפצושרייבן ממש אויפן שפיץ גאפל א שטיקל באריכט פונעם שיינעם שבת, א גרויס חלק איז געווארן אראפגעשריבן אין א בריוו דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א.

ווי אלע באטייליגטע האבן זיך אויסגעדריקט איז דער שבת געווען צוגעשטעלט אויפן העכסטן סטאנדארט ברוחניות ובגשמיות. אלע האבן ארויסגענומען פונעם שבת א גאר גרויסן תועלת, עס איז געווען גאר גוט אהערגעשטעלט. סיי די סעודות, די דרשות, די פראגראמען. פרייטאג נאכמיטאג האט זיך אנגעהויבן די פלוס פון געסט וואס זענען געקומען צו פארן פון איבעראל, פון אויסלאנד איז געקומען בעיקר א גרויסער עולם פון ארץ ישראל, פון ענגלאנד, און פון קאנאדא.

אלע באטייליגטע זענען געווארן זייער שיין אויפגענומען דורך די עסקנים, וואס האבן געגעבן פאר די משתתפים א זעקל מיט א נייע קונטרס "תפילות פאר די אידישע שטוב", תפילות פאר פרויען, אלע גליונות פון די וואך, און נאך פארשידענע זיסווארג און מתנות. די צימערן זענען געווען זייער שיין צוגעגרייט, אזוי אויך איז געווען א גאר געשמאקע טועמיה צוגעשטעלט.

ערב שבת קודש ביים זמן זענען די חשובע פרויען געגאנגען צינדן לעכט ביים דעזיגנירטע פלאץ, ווי די פרויען האבן אויסגעבעטן ביי די לעכט ערליכע דורות. די קינדער האבן זיך צוזאמגענומען אין די לאבי אונטער די אויפזיכט פון די פילע געטרייע מלמדים און געזונגען שיינע ניגונים לכבוד שבת קודש. דערנאך איז מען אריין אין בית המדרש.

פון דא און ווייטער ברענגן מיר אראפ וויאזוי דער ראש ישיבה שליט"א באשרייבט דעם שיינעם שבת.

צו מנחה איז צוגעגאנגען דער דיין ר' יונה שליט"א, נאך מנחה האב איך גערעדט אפאר ווערטער, מען האט געזינגען א שטייטע ניגון און מיר האבן גערעדט פון שבת זכור. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנחומא תצא, סימן ט) אויפ'ן פסוק (דברים כה, יח): "וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ", עמלק האט גענומען זנבות, "חוֹתֵךְ זְנָבוֹת, וְזוֹרְקָן כְּלַפֵּי מַעְלָה" (עיין לקוטי הלכות שבת הלכה ה', אות ט), עמלק רעדט אונז איין מיר זאלן זיין צעבראכן, מען זאל נישט האלטן פון זיך; ער מאכט דאס גאר פאר א מצוה און אזוי הרג'עט ער דעם מענטש, ווייל מען טראכט: 'איך בין סיי ווי גארנישט, איך בין סיי ווי א שגץ, איך בין סיי ווי א גוי, וואס דארף איך גיין דאווענען? ווער דארף מיין לערנען? מיינע מצוות?' מען דארף וויסן אז **דער אייבערשטער האט ליב יעדן איד**, יעדער איד דארף וויסן ביי זיך 'איך בין חשוב און טייער ביים אייבערשטן, דער אייבערשטער האט א נחת רוח פון מיר'; דאס מעקן מיר אויס די וואך שבת זכור, געענדיגט מיט די קטנות הדעת, 'איך בין א גארנישט, איך בין גארנישט ווערד'; געענדיגט מיט די סארט מחשבות, **'איך בין יא, איך בין ווערד!'** גלייך נאכדעם איז ר' מרדכי ראזענפעלד הי"ו צוגעגאנגען צו קבלת שבת, ער האט געדאווענט זייער שיין.

נאכן דאווענען בין איך געגאנגען זינגען זמירות שבת מיט די קינדער. עס איז געווען זייער א גרויסע עולם האט מען געמאכט אז די קינדער זאלן עסן באזונדער כדי עס זאל זיין פלאץ, די געטרייע מלמדים האבן אריינגעלייגט א גאנץ שבת אזויפיל יראת שמים אין די קינדער, איך האב געזינגען זמירות מיט זיי. נאכדעם האבן מיר געגעסן אינאיינעם די סעודה, א גרופע בחורים און אינגעלייט האבן דורכאויס די גאנצע סעודה געזינגען זייער שיינע ניגונים.

פרייטאג צו נאכטס נאך די סעודה זענען מיר זיך צאמגעקומען זינגען זמירות אין שול, נאכדעם האט מיר זיך מחזק געווען מיט'ן רבינ'ס התחזקות. מיר האבן גערעדט נאך א בחינה אויף וואס די הייליגע חכמים זאגן "חוֹתֵךְ זְנָבוֹת, וְזוֹרְקָן כְּלַפֵּי מַעְלָה", אז מען זאל נישט מאכן פונעם טפל אן עיקר. דער רבי שרייבט א בריוו פאר זיין איידעם: **"שרייב מיר וויפיל בלאט גמרא דו לערנסט און וויפיל בלאט פוסק, מאך נישט פון טפל עיקר פון פון עיקר טפל, אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם"**; עמלק נעמט זאכן וואס זענען נישט וויכטיג, בבחינת זנב, וזורקן כלפי מעלה, און מאכט דאס וויכטיג - פון דעם רעדט מען, דאס פארלאנגט מען, אויף דעם איז מען מחנך; אנשטאט מען זאל מחנך זיין קינדער, בחורים און מיידלעך - מיט אמונה, רעדן טאג און נאכט פונעם אייבערשטן, פון לערנען די הייליגע תורה, פון וויכטיגע זאכן - דריידט ער אויס

<<<<

דעם קאפ אויף אראפ און די ווידל אויף ארויף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", ביי די וועלט איז אמונה א קלייניקייט, ביי מיר איז אמונה א גרויסע זאך, אמונה אזוי ווי פשוטי עם און פרויען וואס גלייבן בתמימות ובפשיטות; דאס איז ביים רבי'ן די גרעסטע זאך. ווי אזוי איז מען זוכה צו אמונה? דורך רעדן צום אייבערשטן, אז מען שמועסט מיט'ן אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, מען רעדט צו אים כידבר איש אל רעהו: "**רבונו של עולם, העלף מיר מיט וואס איך מוטשע זיך, העלף מיר, איך קען מער נישט**"; דאס רעדן צום אייבערשטן בויט אויף די אמונה, מען הויבט אן שפירן דעם אייבערשטן.

נאך די באטע איז געווען א שיינע שמועס מיט אנשי שלומינו, מען האט געשמועסט פון הפצה. קודם האבן מיר גערעדט פון אכטונג געבן נאר צו נעמען א מוהל מומחה. פאריגע וואך האט פאסירט אז א טאטע האט געוואלט אליינס מאכן די חיתוך און ער האט אריינגעשניטן רחמנא לצלן, די רעגירונג האט אים אוועק גענומען זיינע קינדער.

איך געדענק איך האב געפרעגט מוהרא"ש, דער רבי זאגט (ספר המדות אות מוהל, סימן א): "צָרִיךְ לַחֲזֹר אַחַר מוֹהֵל צַדִּיק וִירֵא שָׁמַיִם", מען דארף זוכן א מוהל א צדיק, א ירא שמים, "כִּי כְּשֶׁהַמּוֹהֵל אֵינוֹ טוֹב", ווייל אז דער מוהל איז נישט גוט, "יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁלֹּא יִהְיֶה מוֹלִיד, חַס וְשָׁלוֹם", קען חס ושלום פאסירן אז דער קינד וועט נישט האבן קיין קינדער, "גַּם עַל יְדֵי שֶׁהַמּוֹהֵל אֵינוֹ טוֹב, עַל יְדֵי זֶה בָּא הַתִּינוֹק, חַס וְשָׁלוֹם, לִידֵי חֳלִי נוֹפֵל", אויך קען א נישט גוטער מוהל מאכן אז דער קינד זאל האבן די חולי נופל, סיזשערס רחמנא לצלן; האב איך געפרעגט מוהרא"ש ווער איז א מוהל א צדיק? און מוהרא"ש האט מיר געענטפערט: "וואס א גרעסערער מומחה - אים דארף מען נעמען".

בשעת'ן דאס דערציילן רופט זיך אן א איד, איינער פון די געסט: "אבער וואס איז טאקע די פשט וואס דער רבי זאגט?" איך קוק אים אן, איך וויל פארשטיין וואס ער פארשטייט נישט, איך זאג אים איבער נאכאמאל דאס וואס מוהרא"ש זאגט מיר און יענער פרעגט נאכאמאל: "איך פארשטיי וואס מוהרא"ש זאגט, אבער וואס איז טאקע פשט אין רבינ'ס ווערטער?" איך זאג אים נאכאמאל, און יענער פרעגט נאכאמאל, דער עולם האט אנגעהויבן שמייכלען, יענער האט זיך פארשעמט, ער זאגט: "איך מיין צו פרעגן ערנסט, איך מאך נישט חוזק".

האב איך אים געגעבן צו פארשטיין, עס שטייט אין די תורה, אויב איינער טוט אן עבירה, ער איז עובר אויף א לאו - (דברים כה, ג): "אַרְבָּעִים יַכֶּנּוּ", זאל מען אים געבן פערציג מלקות, זאגן די הייליגע חכמים (מכות כב:) מען געבט נישט פערציג מלקות נאר ניין און דרייסיג; דאס הייסט, מיר קענען נישט לערנען די תורה אן די פארשטאנד פון די הייליגע חכמים, מיר זעען עס שטייט פערציג און די חכמים זאגן עס איז ניין און דרייסיג, אזוי אויך, מיר זעען שטיין אין די תורה (דברים ו, ח): "וְהָיוּ לְטֹטָפֹת בֵּין עֵינֶיךָ", מען זאל לייגן תפילין צווישן די אויגן, זאגן די חכמים (עירובין צה:) עס מיינט נישט צווישן די אויגן - נאר אויפ'ן קאפ; אזוי זאג איך אים, איך פארשטיי נישט לקוטי מוהר"ן און די אנדערע ספרים פון רבי'ן, נאר מיט מוהרא"ש, וואס מוהרא"ש איז מיר מסביר - דאס פארשטיי איך. אז מוהרא"ש זאגט א מוהל צדיק וירא שמים מיינט א מוהל מומחה - פארשטיי איך אז דאס איז דער פשט; פארשטייט זיך מען נעמט א מוהל אן ערליכער איד, אבער נישט איינער וואס קען נישט די מלאכה.

מיר זענען אריין אין א שמועס מיט די מפיצים, יעדער האט דערציילט זיינע שיינע מעשיות ווי מענטשן זענען זיך מחי' מיט די ספרים און קונטרסים. מיטוואך נאכט האט דער גבאי פונעם בית המדרש ...، א גאס אוועק פון ישיבה אפגעווארט יענקל מפיץ נרו יאיר, ער האט אים צוגענומען זיין הוט פאר'ן ברענגען גליונות דארט, יענקל מפיץ האט זיך מיט אים געאמפערט צוויי שעה. מיר האט זייער געבאדערט פארוואס ער האט זיך בכלל צוטון געמאכט פון אים; איך האב אסאך היטן דא אין ישיבה, במשך די יארן זאמלען זיך אן היטן, איך וועל אריבערשיקן בחורים צום גבאי מיט די היטן, אים פרעגן אויב ער וויל נאך היטן, ווייל די גליונות גייט מען ווייטער מפיץ זיין.

שבת אינדערפרי האב איך געלערנט זוהר פרשת פקודי, די היכלות, ווי דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי איז מגלה וואס טוט זיך אין הימל; עס איז גאר אנדערש דאס לערנען דעם הייליגן זוהר מיט די הקדמות פון רבי'ן, מען שפירט אזא ליכטיגקייט, מען ווערט אזוי געשטארקט.

געווענליך לערנען מיר שבת אינדערפרי פאר'ן דאווענען א שיעור אין ספר פעולת הצדיק, אבער די וואך האט מען נישט פארגעלערנט, איך האב געדארפט געבן צו עסן פאר מיינע קינדער, העלפן מיין ווייב תחי'.

פסוקי דזמרא האט פארגעדאווענט ר' עזרא בוים הי"ו, שחרית שחרית האב איך געדאווענט געדאווענט. עס איז געווען א שבת שבע ברכות ביי א טאכטער פון ר' אהרן וועבערמאן הי"ו מיט החתן אברהם צוויבל הי"ו. אויך איז געווען א קידוש, ביי ר' רפאל פורסט הי"ו איז געבוירן געווארן א צווילינג, א אינגל מיט א מיידל, ער האט געמאכט די ברית מיט די קידוש דעם שבת. ויקרא שמה בישראל פיגא, נאכן רבינ'ס מאמע. מוסף האט געדאווענט ר' מרדכי היימליך הי"ו. נאכן דאווענען איז געווען די ברית, דער מוהל וועם אנשי שלומינו נוצן שטענדיג, ר' אהרן הלוי ווייס הי"ו - איז געקומען צו פארן אויף שבת, ויקרא שמו בישראל נחמן נתן. גלייך נאכן ברית איז געווען א קידוש.

מיר האבן גערעדט פונעם מעשה פון זבוב ועכביש (ספורי מעשיות, מעשה ז), די נסיעה פון הייליגן רבי'ן, דאס גרויסקייט פון לערנען יעדן טאג דעם בלאט גמרא. אויך פון שלום בית, אז מען זאל שיין רעדן צו די ווייב. מוהרא"ש האט מיר געזאגט איין יאר אין אומאן ראש השנה: "יעדעס מאל דו רעדסט זאלסטו רעדן פון דריי זאכן, תורה, תפילה, שלום בית און שידוכים", איך פרוביר צו פאלגן און רעדן פון די זאכן.

מען האט גערעדט פונעם נאמען פונעם רך הנימול "נחמן נתן", ער זאל זוכה זיין צו דאס ווארט וואס דער רבי האט געזאגט (ימי מוהרנ"ת חלק ב', סימן לב): "**נחמן נתן לאכט פון די וועלט**", ער זאל זיך גוט אויסלאכן בזה העולם; אזוי ווי דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט פשט אויף דעם וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית כב.) אליהו הנביא האט געוויזן פאר רב ברוקא "הני תרי בדחני", דאס מיינט מען אן ערליכער איד וואס ער האט 'תרי בדחני' צוויי סארט לאכן; מענטשן לאכן פון אים, מען שפעט

<<<<

פון אים אבער ער פארלירט זיך נישט, ער גייט ווייטער אן מיט זיין עבודת השם, און ער לאכט פון די וועלט, ער לאכט זיך גוט אויס פון אלעמען, דאס איז די תרי בדחני, דער איז א בן עולם הבא (הובא בספר בעל שם טוב על התורה פרשת במדבר, אות ב); דאס האט דער רבי געזאגט: "נחמן נתן לאכט פון די וועלט".

עס זענען געווען אסאך געסט; סיי פרישע מקורבים, אויך פונעם חתנ'ס משפחה און נאך, אלע האבן אויסגעהערט, אלע האבן געזאגט אז זיי ווילן האבן מיט'ן רבי'ן, די דיבורים האט זיי אויפגעוועקט.

די שבת בייטאג סעודה איז געווען אינאיינעם מיט'ן סעודת ברית און שבע ברכות.

ביי די סעודה איז צו מיר צוגעקומען א אינגערמאן פרעגן וואס צו טון, זיין ווייב האט פריער גע'חלש'ט אין צימער און זי איז שוואך, איך האב אים געזאגט צו וועם ער זאל רעדן, איך האב גערופן ר' מרדכי היימליך הי"ו, ער איז אן הצלה מאן, אז ער זאל גיין קוקן אויב אלעס איז פיין. איך האב ספעציעל אים גערופן ווייל ער זוכט נישט משוגע צו מאכן מענטשן, שטופן צו גיין אין שפיטאל. וויפיל מען איז מרוויח פון הצלה - ליידט מען פון זיי אזעלכע שוועריקייטן; רוב מאל מאכן זיי משוגע פאר גארנישט און פאר נישט, זיי זאגן גיי אין שפיטאל; מען וועט דיר צונעמען די גאנצע שבת. וכך הוה, זי איז געזונט און שטארק, נאר אביסל איבערגעשטרענגט וכו'.

נאך די סעודה בין איך געגאנגען געגאנגען מבקר חולה זיין ר' משה ארי' שניטצלער נרו יאיר, ער איז געליגן מיט א רויז אין בעט. ער רופט זיך אן: "נאך א מזל איך האב דעם דרך הלימוד, אזוי ווער איך נישט צעדרייט פון ליגן אין בעט", א צווייטער וואלט משוגע געווארן פון ליגן אזוי לאנג. עס איז געווען אינטערעסאנט צו זען א ברסלב'ער חסיד ווי ער ליגט אין בעט מיט ספרים ארום זיך; א משניות, א תהלים וכו'.

נאכמיטאג בין איך געגאנגען זאגן תהלים מיט די קינדער. מיר האט געברענגט צו האבן אפאר מינוט באזונדער מיט די קינדער, עס זענען געווען דארט נאר די מלמדים מיט די קינדער. איך האב אויסגענוצט די צייט צו רעדן צו זיי פון קדושת הברית, עס זענען געווען אסאך פרעמדע קינדער פון אנדערע מוסדות וואס מען רעדט נישט דארט פון קדושה.

געדענקסט אוודאי דיינע קינדער יארן, איך בין געווען דיין ערשטער מלמד ביי די דרייצן יאר וואס איך האב דיר אויסגעלערנט צו זיין הייליג. איך געדענק ווען דו ביסט געקומען וויינען צו מיר און מיר געזאגט, וואס זאל איך טון, איך האב בכלל נישט געוויסט אז מען טאר נישט אנרירן וכו', איך האב דיר דעמאלט אנטפלעקט די זאך פון התבודדות, איך האב דיר געזאגט זאלסט דאס זאגן פאר'ן אייבערשטן: "רבונו של עולם איך בין נישט שולדיג, איך בין א קינד פון דרייצן יאר, קיינער האט מיר נישט געזאגט אז דאס איז אן עבירה".

איך האב געווארט א גאנץ שבת צו קענען רעדן צו די קינדער פון קדושה, איך וויל נישט האבן בלוט אויף מיינע הענט. יעצט איז ארויסגעקומען א שרעקליכע מעשה, א בחור האט מטמא געווען איבער זיבעציג קינדער פאר צוויי גאנצע יאר. איך וויל נישט זאגן די נאמען פונעם מוסד וואו דאס האט פאסירט, א פחד, א שרעק! טייערע קינדער זענען געפייניגט געווארן מיט מעשה תועבה, קיינער האט נישט דערציילט, מען האט מורא געהאט וכו'. וואלטן די מלמדים געוואוסט - וואלט דאס נישט געקענט פאסירן, עס וואלט גלייך ארויסגעקומען, קינדער אז מען זאגט זיי אן, מען מאכט זיי באקוועם צו קומען דערציילן - קומען זיי דערציילן.

איך האב פון קיינעם נישט מורא, נאר פונעם אייבערשטן. מענטשן האלטן מיך פאר: "היתכן, אזוי רעדסטו? אזא ברייטקייט?" געגלויבט דעם אייבערשטן איך טו וואס מוהרא"ש האט מיר געזאגט.

ר' אברהם משה שטראססער נרו יאיר האט מיר דערציילט, ווען די ישיבה האט זיך געעפנט האט מען אים אריינגעשלעפט צו מוהרא"ש; איינער פון די אינגעלייט וואס האבן געהאלפן עפענען די ישיבה האט געהאט טענות אויף מיינע דיבורים, מען האט אים איבערגערעדט ער זאל גיין צוזאמען מיט זיי רעדן אויף מיר. אברהם משה נרו יאיר איז מיר זייער געטריי אלע יארן, פונעם ערשטן טאג איז ער געשטאנען מיט מיר, למעשה איז ער מיטגעגאנגען, יענער האט נאכגעזאגט שטיקלעך פון דרשות און געווארט אז מוהרא"ש זאל רעאגירן, מוהרא"ש רופט זיך אן: "זעסט נישט אז ער רעדט גוט? פון דעם וואס מען קריגט אויף אים, דאס איז א סימן אז ער רעדט גוט"; שפעטער ווען איך בין געקומען צו מוהרא"ש האט מוהרא"ש מיר געזאגט: **"רעד מער, רעד נאך"**.

בשעת'ן רעדן צו די קינדער האב איך גלייך געזען אז עס זענען געווען קינדער וואס דארפן רחמי שמים, זיי האבן אנגעהויבן לאכן. איך האב געדריידט דעם שמועס אויף אן אופן עס זאל יא אין זיי אריינגיין.

נאך מנחה האבן מיר געהאט זייער אן התעוררות'דיגע שלש סעודות. מיר האבן גערעדט פון דאס גרויסקייט פון קומען צום באשעפער, אים בעטן: "איך וויל זיין אן ערליכער איד", פון זיך טענה'ען מיט'ן אייבערשטן. דער זוהר הקדוש זאגט (פרשת בלק, קצה.) דוד המלך האט פארשטאנען אז אויבן אין הימל איז מער חשוב די געבעט פונעם ארעמאן ווי פון קעניגן און נביאים, האט ער זיך אויסגעטון די בגדי מלכות, ער האט זיך אנגעטון קליידער ווי אן ארעמאן און געבעטן דעם אייבערשטן (תהלים קב, א): "תְּפִלָּה לְעָנִי כִי יַעֲטֹף", וואס איז טייטש כי יעטוף? ער האלט צוריק, דער ארעמאן ווען ער רעדט צום אייבערשטן שטעלט ער אלעס אפ, דער אייבערשטער קערט זיך צום ארעמאן און לאזט אלעס אפ.

אלע פרעגן: "מיט וואס טוט זיך דער אייבערשטער באשעפטיגן?" און מען ענטפערט זיי: "דער אייבערשטער טוט זיך באשעפטיגן מיט זיינס א זאך, מיט די תפילות און טענות פון די צעבראכענע הערצער, תפילות פון ארעמעלייט", די בית דין של מעלה קומען אריין, זיי זאגן: "פארוואס דארף דער אייבערשטער זיי אויסהערן? מיר ווילן מאכן א משפט", אבער דער אייבערשטער זאגט זיי: "איך וויל אזוי, איך וויל זיין אליינס מיט זיי".

דער הייליגער רבי נתן זאגט (לקוטי הלכות תפילין ה, אות מג), מה דאך ווען אן ארעמאן בגשמיות קומט זיך אויס'טענה'ען צום באשעפער ווערט אזא רעש און א טומל אין הימל, איז דאך זיכער ווען א איד קומט צום באשעפער, ער וויינט: "רבונו של עולם, איך בין אן אמת'ער ארעמאן, איך בין אזוי ווייט פון דיר! רבונו של עולם, איך ליג אין א טיפע בלאטע, איך זינדיג, איך טו עבירות; העלף מיר באשעפער, איך וויל זיין ערליך, איך וויל זיין אן ערליכער איד" - איז דאך זיכער אז עס ווערט א מורא'דיג טומל אויבן אין הימל,

<<<<

דער אייבערשטער אליינס נעמט די תפילות און איז אים מוחל.

דאס זעען מיר אין פרשת ויקרא (ב, א): "וְנֶפֶשׁ כִּי תַקְרִיב", זאגט רש"י, ביי אנדערע קרבנות געפונען מיר נישט עס זאל שטיין "וְנֶפֶשׁ כִּי תַקְרִיב", נאר דא ביים קרבן עני, ווייל דער אייבערשטער זאגט: "מַעֲלֶה אֲנִי עָלָיו כְּאִלּוּ הִקְרִיב נַפְשׁוֹ"; דאס איז אויך ביי אן ארעמאן בדעת, אן ארעמאן אין רוחניות; ער קומט צום באשעפער מיט זיינע קליינע עבודות, ער זאגט: "רבונו של עולם, איך האב ביטערע שווערע נסיונות, דאך וויל איך זיין גוט", דאס איז חשוב ביים אייבערשטן - כְּאִלּוּ הִקְרִיב נַפְשׁוֹ.

דער יצר הרע פארגינט אבער נישט, ער זאגט דעם מענטש: 'קיינער דארף דיך נישט, דו שטינקסט, דו מאכסט צער פאר'ן באשעפער, דיין דאווענען שטינקט, דיינע מצוות שטינקען' - דארף מען געדענקען 'דער אייבערשטער האט מיך ליב, ער האט ליב אפילו עס שטינקט. די תורה זאגט (שם, יז): "וְשִׁסַּע אֹתוֹ בִכְנָפָיו, וְהִקְטִיר אֹתוֹ הַכֹּהֵן הַמִּזְבֵּחָה", מען זאל פארברענען דעם קרבן עני מיט די פעדערן; ווער עס האט שוין אמאל געשפירט די שרעקליכע גערוך פון פארברענטע פעדערן, פארברענטע האר - ווייסט אז דער גערוך איז נישט אויסצוהאלטן, ווי קען זיין מען זאל מקטיר זיין דעם קרבן עני, דעם עוף מיט די פעדערן? זאגן די הייליגע חכמים (ויקרא רבה ג, ה; הובא ברש"י): "כְּדֵי שֶׁיְּהֵא הַמִּזְבֵּחַ שָׂבֵעַ וּמְהֻדָּר בְּקָרְבָּנוֹ שֶׁל עָנִי", אז דער מזבח זאל ווערן באשיינט און זאט פונעם קרבן עני; דא זעט מען אז אפילו א מענטש וואס איז א ריכטיגער עני, אן עני בדעת, קומט צום באשעפער מיט א קרבן, ער לייגט תפילין, ער דאווענט, ער לערנט, אפילו די מחשבות פייניגן אים, מען טראכט 'איך שטינק דאך, איך בין דאך אן עקלדיגער מענטש' - דארף מען געדענקען אז ביים אייבערשטן איז דאס נישט קיין שטינק, ביים אייבערשטן ביסטו שיין.

נאך מעריב האבן מיר געמאכט קידוש לבנה, נאכדעם האבן מיר געמאכט הבדלה. דער עולם איז דערנאך ארויס אין לעבעדיגע טענץ, מען האט אסאך געזינגען ניגונים פון אומאן ראש השנה, אלע האבן געמאכט פון די ניגונים תפילות צום אייבערשטן אז מיר זאלן זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבי'ן דעם קומענדיגן יאר ראש השנה שנת תשפ"ג אין אומאן. יעצט איז נישט שייך צו פארן, די גרעניצן זענען פארשלאסן, עס ברענט א מלחמה צווישן אוקריינא און רוסלאנד.

נאכדעם האב איך אויפגענומען מענטשן, דאס איז פון די עבודות קשות; אויסהערן פראבלעמען און קענען מדריך זיין מיט די עצות און שכל פון רבי'ן.

צו מלוה מלכה זענען געקומען אסאך געסט וואס זענען נישט געווען שבת. דער דיין ר' יונה שליט"א האט גערעדט, ער האט נאכגעזאגט פון דעם הייליגן צדיק רבי מענדעלע מרימנאוו זכותו יגן עלינו (הובא בספר ילקוט מנחם, הפטרת וירא), עס שטייט (מלכים-ב ד, כג): "מַדּוּעַ אַתְּ הֹלֶכֶת אֵלָיו הַיּוֹם", דער מאן פון שונמית האט איר געפרעגט, פארוואס גייסטו צום צדיק, צו אלישע הנביא? "לֹא חֹדֶשׁ וְלֹא שַׁבָּת", היינט איז נישט ראש חודש און נישט שבת, "וַתֹּאמֶר שָׁלוֹם", האט זי געענטפערט: "שָׁלוֹם", וואס האט זי געמיינט צו זאגן מיט דעם "שָׁלוֹם"? נאר די גרעסטע סכנה, די גרעסטע צרה איז ווען א מענטש מאכט שלום מיט זיין מצב, ער זוכט שוין נישט א וועג ארויס פון זיינע תאוות רעות; דאס האט זי געזאגט, דו פרעגסט מיר פארוואס איך פאר צו מיין רבי? וואס איז היינט די יום טוב? "שלום!" איך ציטער וואס גייט זיין מיט מיר.

נאכדעם האב איך איבערגע'חזר'ט די שמועס וואס דער רבי האט געזאגט פאר רבי נתן (שיחות הר"ן, סימן יט) אז ווער עס ליגט אין טומאה און ער זוכט א וועג ארויסצוגיין - איז דאס נאר דורך לימוד התורה, אויב וועט א מענטש זיין שטארק צו לערנען יעדן טאג כך וכך משניות, כך וכך גמרא - וועט ער ארויסגיין פון די טומאה, פון די זוהמה. אנדערע עצות איז נישטא, א שאד צו גיין צו טערעפיסטן וואס קענען זיך אליינס נישט העלפן, ווי קענען זיי מיר העלפן?! נאר די עצה פונעם רבי'ן, לערנען שיעורים כסדרן - דאס העלפט.

מענטשן לאכן: 'קוק די ברסלב'ער, זיי מאכן א סיום אויף זאגן', מען שפעט פון ברסלב, 'מען נעמט ארויס אן האטעל פאר זאגן גמרא, פאר דאווענען גמרא...'; איך טענה נישט מיט קיינעם, אבער דיר זאג איך, פרעג יענעם: "וואס האסטו געטון די גאנצע ווינטער, האסט געעפנט א ספר?" (נישט דו זאלסט גיין פרעגן מענטשן, טענה זיך אויך נישט; דאס איז נאר א וועג פון ארויסברענגען די זאך, מען זאגט 'פרעג יענעם'), פרעג אים: **"וואס טוסטו שבת? וואס טוסטו פרייטאג? ליינסט צייטונגען, פארברענסט דיינע טעג און יארן".**

איך האב ארויפגערופן א אינגל וואס האט די וואך בר מצוה געהאט, די בר מצוה איז געווען אין ישיבה. ער האט זיך אויפגעשטעלט ביי די בר מצוה זאגן זיין פשעטל, אנשטאט זאגן צוויי ווערטער און מען גייט אריינזינגען, נעמט ער א גמרא און זאגט: "תנא דבי אליהו, כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן עולם הבא... הדרן עלך כלל ששה סדרי תלמוד בבלי..." ער האט געמאכט א סיום הש"ס! **די משפחה זענען געווארן פארפרוירן, אזוינס האבן זיי נאכנישט געזען, א אינגל, א בר מצוה בחור זאל ענדיגן ש"ס!**

קומען די לצים און פרעגן: "האסט טאקע מסיים געווען ש"ס? איך קען דיך פארהערן?" אזוינס האט יעדער ברסלב'ער חסיד, ווי נאר ער דערציילט א סיום פרעגט מען אים: "איך קען דיך פארהערן?" זאגט איינער זייער גוט: "מיר קענסטו נישט פארהערן, איך זאג; דו אבער לערנסט דאך געהעריג, איך קען דיך פארהערן?" בלייבט יענער שטיין מיט די צונג אינדרויסן.

עס איז א וואונדער, ווער עס וועט דיר זאגן "איך האב א שיעור", "איך גיי צו א שיעור", "איך האב א חברותא", קיינעם וועט מען נישט פרעגן: "איך קען דיך פארהערן?" פארוואס פרעגסטו נישט די וואס לערנען צי דו קענסט זיי פארהערן...

אויך האבן מיר גערעדט פון שלום בית, פון רחמנות האבן אויף די ווייב. אז זי רופט: "קום אהיים, העלף מיר, איך פאל פון מיינע כוחות" - זאל מען אהיימגיין, נישט זיך ארויסדרייען. אז די ווייב רופט און בעט: "נעם מיך דארט און דארט", זאל מען נישט זאגן: "איך בין דיין קאר סערוויס דרייווער?!"

עס איז א פלא צו זען אינגעלייט וועלכע ווילן נישט אהיים גיין, זיי ווילן נישט ענטפערן דעם טעלעפאן ווען די ווייב רופט; וואלט א חבר געבעטן "טראג מיך", "נעם מיך דארטן", - וואלטן זיי געלאפן, געטראגן, געברענגט - פארוואס די אייגענע ווייב וויל מען נישט נעמען, טראגן און ברענגען...

<<<<

די אמעריקאנע פאלק רופט דעם פרעזידענט'ס ווייב "די ערשטע פרוי פון די פאראייניגטע שטאטן", די פוירסט לעדי; א איד דארף דאס זאגן אויף זיין ווייב, "דו ביסט די ערשטע און די חשוב'סטע ביי מיר".

די סיום האט געמאכט ר' יעקב לעזער הי"ו, ער לערנט פאר דעם בלאט גמרא אין אידיש און אין ענגליש; צוויי שיעורים א טאג.

דער דיין האט געבענטשט, איך האב געזאגט די שבע ברכות, מען האט אויסגעטיילט אפאר הונדערט גמרות מנוקד, קליינע ווייכע גמרות, עס זאל זיין גרינג מיטצונעמען מיט זיך אין ארבעט, אונטערוועגנס. נאכדעם האט מען געטאנצן ביז פארטאגס.

איך בין אהיימגעפארן נעכטן נאכט, מיר זענען אנגעקומען פינף אזייגער, מען האט גערוקט דעם זייגער, מען האט פארלוירן א שעה.

היינט אינדערפרי איז נישט געווען קיין מנין אין ישיבה, איך האב געדאווענט אין ישיבה ביחידות. די הלכה איז, ווער עס האט א מנין קבוע און עס פאסירט אמאל אז עס נישטא קיין מנין - זאל מען בלייבן דאווענען אינעם בית המדרש וואו מען דאווענט.

ביי מנחה איז שוין געווען מנין, נאך מנחה האבן מיר פארגעלערנט די בלאט גמרא. איך האב געלערנט מיינע שיעורים און אהיים געגאנגען העלפן מיין ווייב תחי'.

איך בין זייער איבערגענומען פונעם שבת, עס איז געווען הערליך שיין, צענדליגער משפחות זענען פריש מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן. די אינגעלייט און בחורים האבן זייער שיין אויפגענומען יעדן איינעם. אויך די פרויען, די מיידלעך, די תלמידות האבן זייער שיין אויפגענומען יעדן איינעם.





**ביים סוף פונעם בריוו שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א נאך אפאר וויכטיגע זאכן, מיר וועלן עס דא אראפברענגען**

בנוגע וכו'; ער איז א קראנקער מענטש, איך דארף שטיין על המשמר נישט צו לאזן ביי אונז אין די קהילה קראנקע מענטשן.

מוהרא"ש האט מיר געזאגט: "דיין ארבעט איז, פון איין זייט זאלסטו מחזק זיין יעדן איינעם, און פון די אנדערע זייט זאלסטו אכטונג געבן צו פארטרייבן די דריי כיתות קנעכט וואס דער מלך האכזר האט אריינגעברענגט (עיין ספורי מעשיות, מעשה יג)"; איך דאנק דיר פאר'ן מיר איבערגעבן די אינפארמאציע.

דאס האב איך געלערנט ביי מוהרא"ש. יארן צוריק איז געקומען צו מיר א איד פון יבנאל, דער איד איז געווען זייער א נאנטער מענטש צו מוהרא"ש, ער איז געווען א גרויסער פאנדרעיזער אין יבנאל. ער האט מיר געבעטן ער וויל אריינלייגן זיין זון אין ישיבה, איך האב געטראכט: 'זיכער איז דאס בהסכמת מוהרא"ש, ער האט דאס זיכער דורכגערעדט מיט מוהרא"ש, ער איז דאך א יוצא ונכנס, א משמש', דאך האב איך געפרעגט מוהרא"ש.

איך האב דערציילט פאר מוהרא"ש אז דער איד וויל אריינלייגן זיין זון. מוהרא"ש ווערט ערנסט און זאגט מיר: "נעם אים נישט אריין אין ישיבה, ער איז א קראנקער בחור, ער לויפט נאך אינגלעך און בחורים; איך האב אים פארטריבן פון יבנאל, ער איז א מניוול; אויב דו וועסט אים אריינעמען אין ישיבה - וועט ער קאליע מאכן אלע בחורים".

מוהרא"ש זאגט מיר: "אז דו פארשטייסט בעסער - קענסטו טון אנדערש, אבער איך זאג דיר זאלסט זיך אכטונג געבן פון אים", מער האב איך נישט געדארפט, איך האב יענעם פארטריבן פון ישיבה.

ביי מוהרא"ש איז געווען אמת, מען האט נישט פארדעקט די שמוץ אונטערן קארפעט. אין אנדערע פלעצער, אז מען כאפט א מניוול, אויב דער טאטע איז מקורב למלכות - פארדעקט מען דאס, אבער אויב דער טאטע האט געלט - פארדעקט מען דאס.

ביי מוהרא"ש איז געווען אמת, מעגסט זיין דער נאנטסטער מענטש, אז דיין זון איז א סכנה - קען ער נישט זיין צווישן ריינע קינדער, ריינע בחורים.

גלייב מיר, איך קען אסאך פארטראגן און אסאך דערהייבן, אבער דאס וואס דו האסט מיר דערציילט האט מיך אזוי צערודערט, איך בין נאכאלץ נישט ביי מיר פון די מעשה. איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל וויסן וואס צו טון. איך האב אים פארטריבן, ער וויינט צו מיר פארוואס דער ראש ישיבה האט נישט קיין רחמנות, גיי זיי אים מסביר אז דאס איז רחמנות, איך האב רחמנות אויף קהילת היכל הקודש.

זיי ממשיך מיט דיין הייליגע ארבעט, גיי הפצה; אפילו דו זאלסט נישט לייגן קיין גליונות, בלויז ווען מען זעט דיר - איז דאס הפצה. מען זעט א אינגערמאן זיך אויפפירן אזוי דרך ארץ'דיג, אזוי איידל, אזוי ערליך, דאס מאכט אז מענטשן זאל קומען צום רבי'ן.

**כבוד שבת עדיף מאלף תעניות!**



# א סעודה
# מיט'ן ראש ישיבה

## מלוה מלכה כי תשא תשפ"ב

ש'כח אייבערשטער אז איך האב געהאט די זכיה צו קענען מיטהאלטן א הערליכע מלוה מלכה ביים ראש ישיבה שליט"א. איך וועל פרובירן צו אפשרייבן אפאר שיינע שיחות וואס דער ראש ישיבה האט גערעדט.

מען האט געשמועסט פון דעם וואס דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט ביי סיפורי מעשיות, אז ווען מען רעדט צו א מענטש שיין - מען געבט אים גוטע ווערטער, ווערט ער דיין חבר; אנשטאט זיך צו קריגן - קען מען שיין רעדן. דאס איז אזא געוואלדיגע שכל וואס מוהרא"ש האט אונז אויסגעלערנט, אז פאר דעם אליינס האט זיך געלוינט צו מקורב ווערן.

דער ראש ישיבה האט פארציילט: "איך פלעג דאס האבן אין גראסערי. היינט גייען שוין מיינע קינדער אין גראסערי, אבער יעדע מאל איך בין געגאנגען אין גראסערי האב איך אים געזאגט "ש'כח פאר די גראסערי" איך בין מיך מחי' מיט די גראסערי". און אויב איך האב מיך דערמאנט אז איך דארף עפעס האבן ווען זיי האבן שוין געהאלטן ביים צושפארן, האט ער מיך אלץ אריינגעלאזט, ער האט מיך אלץ געלאזט אויפשרייבן, און אויב איך האב נישט געהאט צו באצאלן האט ער אויסגעווארט".

"מענטשן האבן נישט די שכל, מענטשן מיינען אז וויבאלד איך געב געלט, דארף איך אים נישט זאגן ש'כח. אבער למעשה האט ער א גראסערי, אז איך שטיי אויף צופרי און דארף א מילך האב איך וואו צו קויפן א מילך. אוודאי דארף איך צאלן געלט, אבער אז איך שטיי אויף צופרי און איך דארף א ברויט פאר מיין ווייב און קינדער, האב איך וואו צו קויפן".

דער ראש ישיבה האט פארציילט: "ס'איז געווען יארן צוריק א גוי וואס האט געארבעט אין די מקוה, איך האב אים אלס געזאגט טענ"ק י"א! יברכך השם, (גא"ד בלע"ס י"א!) ער האט מיך אלץ געעפנט די מקוה, פיר און צוואנציג שעה א טאג. אזוי איז אויך מיט יעדע זאך, למשל א קאר סערוויס, אסאך מאל זיי מאכן זיך נישט

וויסנדיג ווען דו רעדסט מיט זיי, אבער אז דו וועסט זיי זאגן טענ"ק י"א, יברכך השם, (גא"ד בלע"ס י"א), וועט ער נאכדעם אלעס טון פאר דיך, פרוביר עס אויס!" און נישט נאר ווען דו ווילסט באקומען א טובה פון יענעם, נאר אפילו סתם אזוי זאלסטו דאנקן יענעם.

די זעלבע זאך אינדערהיים מיט א מאמע מיט א טאטע, און מיט א שווער איז אפגערעדט, אז מען זאגט אים ש'כח ש'כח, וועט ער זיך נישט נאכדעם אריינמישן אין דיין לעבן.

דער ראש ישיבה האט געבעטן מען זאל ברענגען נאך עסן פאר די בחורים, האט זיך איינער אנגערופן: "מיר זענען נישט געקומען דא עסן, מיר זענען געקומען טרינקען". האט דער ראש ישיבה געבעטן איינער פון די בחורים זאלן גיין מאכן א קאווע פאר אים, ווייל ער וויל טרינקען. האט ער געזאגט אז ניין, מיר זענען געקומען טרינקען פון די אונגארישע ווין.

האט דער ראש ישיבה פארציילט: אמאל איז געפארן א גאנצע וואגן מיט סוחרים, און געוועהנטליך סוחרים האבן זיך ליב אויפצוטון מיט זייערע סחורה. האט זיך איינער פון די סוחרים אנגערופן, איך האב אונגארישע ווין; אונגארישע ווין דאס איז דעמאלטס געווען די בעסטע ווין, דער עולם האט אנגעפאנגען צו קאסטן און דער עולם האט געזאגט "wow דאס איז א גוטע ווין".

דארט איז געווען אויפן וואגן א בחור וואס ער האט שוין אמאל געארבעט ביי א אונגארישע ווין סוחר, און ער האט שוין געקאסט די עכטע אונגארישע ווין, רופט ער זיך אן צו זיי, דאס איז נישט קיין אונגארישע ווין, איך האב שוין געקאסט די אונגארישע ווין! האבן אלע אנגעפאנגען צו שרייען אויף אים, "דו שעמסט זיך נישט צו רעדן אויף די אונגארישע ווין?!" מען האט אים אראפגעשטיפט פון וואגן, און מען האט אויף אים געשריגן, "וואס הייסט דו רעדסט אויף די אונגארישע ווין?!" האט ער געזאגט "איך האב שוין געקאסט אונגארישע ווין, מיר וועסטו נישט פארקויפן קיין מעשיות".

<<<<

און דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "דאס איז א משל וואס דער הייליגע רבי האט פארציילט, אז ווער ס'האט געטרינקען אונגארישע ווין איז קען מען שוין נישט פארנארן. אזוי אויך איינער וואס האט שוין טועם געווען דעם רבי'ן, אים קען מען שוין נישט פארנארן, ווייל וואס ווערסטו אים פארקויפן? ער האט שוין אנגעפאנגען צו שפירן דעם אייבערשטן".

דער ראש ישיבה האט געפרעגט די בחורים: "ווער ווייסט די דריי זאכן וואס דער רבי האט געזאגט אז די דריי זאכן האב איך גע'פועל'ט ביי מיינע מענטשן". די ערשטע זאך האט דער רבי געזאגט: "עבירות וועט איר שוין נישט קענען טון בשלימות". אפילו מען פאלט אראפ ציפט דאס אין הארץ און מען הייבט אן שרייען צום אייבערשטן". די צווייטע זאך האט דער רבי געזאגט: "איך האב צוגענומען די גדלות פון ענק". ווען מען הערט אויף איינעם אז ער איז א ברסלב'ער, אלע דרייען מיט די נאז, ער האט שוין נישט די נאמען 'חשובער בחור - מציון - חסיד'. און די דריטע זאך האט דער רבי געזאגט: "עטס וועטסט שוין נישט קענען ליידן קיין פאלשע מעשיות, קיין פאלטשע רבי'ס, איך האב אריינגעלייגט אין ענק אמת".

איינער האט פארציילט פאר'ן ראש ישיבה אז ער האט געהערט ווי מען שמועסט אז די זאכן וואס דער ראש ישיבה זאגט איז נישט פון מוהרא"ש, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "ווער האט דיך געברענגט צו מוהרא"ש? ווער האט דיך אויסגעלערנט פון מוהרא"ש?".

דער ראש ישיבה האט פארציילט וועגן א בחור וואס זיין טאטע פלעגט דאווענען ביי מוהרא"ש אלע תפילות, אבער דער בחור איז געווען א עובד, א למדן, ער האט נישט געהאט קיין נאנטשאפט מיט מוהרא"ש. דער בחור האט חתונה געהאט צו איינעם וואס האט אויך געדאווענט ביי מוהרא"ש, אבער ער האט נישט געהאט גארנישט מיט ברסלב. ביז עס האט אנגעפאנגען איבערגיין אויף אים שוועריקייטן, דעמאלטס איז ער מקורב געווארן פון פריש.

מען האט געשמועסט וועגן איינעם וואס איז אוועקגעגאנגען פון היכל הקודש ווייל מענטשן האבן אים אפגערעדט פון ברסלב. האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן און געזאגט: "ס'איז דא מענטשן וואס זיי קומען דאווענען אין היכל הקודש און זיי גייען אוועק, אבער איינער וואס האט געלערנט דא אין ישיבה קען מען נישט אפרעדן און אוועקשלעפן". איינער וואס האט געלערנט אין ישיבה, איז די ישיבה שטערקער פון אלעס; א תלמיד הישיבה קען מען נישט אוועקנעמען, נישט דא אזא זאך.

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך רעד נישט פון איינער וואס איז דא געווען פאר צוויי וואכן, האט דער ראש ישיבה געזאגט! איינער וואס האט געלערנט דא אין ישיבה קען מען נישט אפרעדן, נישט דא אזא זאך. זאג מיך א נאמען פון איינער וואס האט געלערנט אין ישיבה און איז אוועקגעגאנגען".

האט איינער זיך אנגערופן עפעס א נאמען, האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "וואס מיינט א תלמיד הישיבה? אז ער זיצט אין א קאר ביי די ווינקל פון ישיבה פאר א שעה צייט און געשפילט מיט די טעלעפאון? איך רעד פון א תלמיד הישיבה, איינער וואס איז געווען אין ישיבה.

איינער האט זיך אנגערופן עפעס א אנדערע נאמען, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער איז נאך א תלמיד הישיבה, ער לערנט נאך משניות, ער לערנט נאך חומש.

האט די ראש ישיבה געזאגט: "אנפאנג ביים עפענען די ישיבה איז קיינער נישט דא געווען, די אייגענע קינדער פון די ברסלב'ע משפחות האבן נישט געוואלט הערן פון ברסלב, און אוודאי נישט די פרויען". דער ראש ישיבה האט פארציילט אויף איינעם אז ער האט זיך געדארפט יעדע יאר עפעס פארהערן, און נאר אזוי האט אים זיין ווייב געלאזט פארן אויף אומאן. ס'איז נישט געווען אזוי ווי די פרויען זאלן וועלן שיקן די מענער אויף אומאן, ס'איז געווען אויף א וועג אז איך לאז דיך פארן קיין אומאן און אינמיטן די יאר ווערסטו מיך לאזן פארן קיין פלארידע.

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "בעיקר דארף מען קוקן ווער קען מיך ברענגען צום אייבערשטן, ווער קען מיך ברענגען צו די תורה? ווער קען מיך ברענגען צום אייבערשטן? ווער קען מיך מאכן זיך פרייען מיט תפילין? ער האט אזוי' געזאגט, און ער האט אהער געזאגט, און ער האט אהין געזאגט. וואס קען איך יעצט טון מיט דעם? ווער קען מיך מאכן זאגן איין ווארט צום אייבערשטן?". דער ראש ישיבה האט געזאגט: "אויב דו טרעפסט א פלאץ וואס מען קען דיך פון דעם געבן מער, גיי איך אויך אהין".

דער ראש ישיבה האט פארציילט: איך בין דאך אויפגעוואקסן ביי מיין זיידע, דער קארלסבורגער רב זצ"ל, איך בין געווען דער שמש פון מיין זיידע, איך האב אים משמש געווען מיין גאנץ לעבן. ס'האט מיך געריסן מיין הארץ, ווייל איך האב געזען א איד לעבט מיטן אייבערשטן, און וואס וועט זיין מיט מיך? איך האב געלערנט מיט אים, איך האב אים באדינט, אבער וואס קען איך טון?

<<<<

אז מיין רבי עסט, דארף איך נאך אויך עסן, איך קען נישט יוצא זיין מיט דעם וואס ער עסט. פרעג א פארברענטע חסיד פון א רבי, אויב זיין רבי האט געגעסן צו ער דארף אויך עסן, אדער ער האט יוצא געווען אז זיין רבי האט געגעסן...

איך פלעג משמש זיין מיין זיידן, ער האט געלערנט און געדאווענט, און ער איז אויפגעווען א גאנצע נאכט, אבער וואס קען איך טון? איך האב געטראפן דעם רבי'ן, איך האב געטראפן די הייליגע ספרים פון מוהרא"ש, און ס'האט מיך אנגעפאנגען ציען צום אייבערשטן.

איינער פון די בחורים האבן פארציילט פאר'ן ראש ישיבה ווי אזוי ער איז מקורב געווארן, אז איינער האט אים געזאגט אז די שיעורים טאר מען נישט הערן, האט ער געוואלט הערן וואס מען טאר נישט הערן.

האט דער ראש ישיבה פארציילט אז אזוי איז אויך געווען די מעשה מיט עפעס א ברסלב'ע חסיד, ער איז געווען נעבעך אינגאנצן פריי, אינגאנצן געפאלן, ער האט געטראפן א ברסלב'ע ספר און איינער איז צוגעקומען צו אים זאגן אז מען טאר נישט אריינקוקן אין דעם. האט ער אנגעפאנגען צו זוכן פארוואס מען טאר נישט קוקן אין דעם, און ער איז געווארן א בעל תשובה פון דעם, ער איז געווארן א ערליכער איד.

דער ראש ישיבה האט פארציילט וועגן א בחור וואס איז געווען איינגעשפארט אינדערהיים פאר איבער זיבן יאר, איבער א שמיטה איז ער נישט ארויס פון שטוב. ביז ער איז אנגעקומען אויף ברסלב, און ער האט אנגעהויבן לעבן; היינט וואוינט ער אין בית שמש, ער איז א טייערע ראנגערמאן, ער קען שלחן ערוך, ער קען הלכה, ער איז א דיין און א תלמיד חכם מופלג.

פאר ער איז געווען ביים רבי'ן איז ער אריין אין עפעס פרומקייטן און מרה שחורה אז די וועלט איז זינדיג און מען טאר נישט רעדן מיט מענטשן, ביז ער איז נעבעך אזוי פארדרייט געווארן אז ער איז געבליבן אין שטוב, און איז נישט ארויס פון דארט.

איז געגאנגען א מפיץ און האט מיט חכמה אריינגעקלאפט צו אים און אים געזאגט אז ער זוכט איינער וואס זאל מגיה זיין א קונטרס פון מוהרא"ש, און ער וועט אים באצאלן פאר דעם. מען האט עס נישט געדארפט מגיה זיין ס'איז געווען סתם א שפיל, אבער דער מפיץ האט פארשטאנען אז ער וועט עס מגיה זיין וועט ער עס דאך דארפן דורכליינען, און אז ער וועט ליינען די קונטריסים, וועט אים אנפאנגען ליכטיג ווערן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "מען האט שוין געטון דעם שפיל מיט אסאך מענטשן". אינגעלייט קומען צו מיר: "מיין ווייב איז קעגן ברסלב". אבער מיט חכמה קען מען איר געבן א קונטרס און איר פרעגן צו זי וויל עס איבערטייטשן אויף ענגליש, און אז זי וועט זיך אוועקזעצן יעדן טאג מיט דעם, וועט אריינגיין אזא לעכטיגקייט פונעם אייבערשטן, אז זי וועט טראכטן "וואס איז דא קעגן ברסלב".

"אבער יענער בחור ווען ער איז געקומען דא איז ער געווען נעבעך אזוי פארדרייט מיט זיין שיטה, ער איז נישט ארויפגעקומען מיט די עלעוועיטער, ער איז ארויפגעקומען מיט די שטיגן, ווייל ער זאגט אז א עלעוועיטער איז א נייע זאך, זיינע עלטערן האבן נישט געהאט קיין עלעוועיטער אינדערהיים. ער איז געזיצן דא, און איך האב גערעדט מיט אים פאר א האלבע שעה, ביים אהיימגיין איז ער שוין אראפ מיט די עלעוועיטער. ער איז געווארן אזא לעכטיג בחור, ער האט אנגעפאנגען צו לעבן".

"ער איז געזיצן א גאנצן טאג אין ישיבה מיט א מאשין פון קאפיס, ער האט געמאכט קאפיס פון סידים פאר הפצה, הונדערטער טויזנטער קאפיס. ער האט נישט געוואלט גיין עסן שבת ביי קיינעם, ער פלעגט נעמען א מצה פון בית המדרש, ער האט גארנישט געדארפט, ער האט געגעסן מצה מיט וואסער, און ער איז געזיצן און געזאגט משניות, און געמאכט קאפיס פון סידיס א גאנצן טאג".

"אויך האט ער געהאט א קליקער און מיט דעם האט ער געבעטן דעם אייבערשטן אסאך תפילות פאר א שידוך, ער איז שוין געווען ניין און צוואנציג יאר, און ער האט געטראפן א מיידל אין בית שמש פון אכצן יאר. זי האט אנגעפאנגען צו הערן די שיעורים אויפן האטליין, און זי האט געוואלט א בחור פון ישיבה". דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ס'איז דא זייער אסאך מיידלעך פון אלע מיידל שולעס אין ארץ ישראל, וואס ווילן בחורים פון ישיבה. זיי הערן אויס די שיעורים און זיי ווילן האבן דעם סארט לעבן.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט: "די וואך כ"א אדר געפאלט די יארצייט פונעם הייליג'ן רבי ר' אלימלך זי"ע, איינמאל בין איך געווען אין ליזענסק ביים יארצייט, ס'איז דא דארט א געוואלדיגע התעוררות. איך האף מיטן אייבערשטנ'ס הילף צו פארן אהין קומענדיגע יאר. מען מאכט דאס יאר פארן זומער נאכאמאל א קאמפיין פאר די ישיבה, און אלע וואס ברענגען אריין דעם סכום קענען מיטקומען מיט די נסיעה, די נסיעה פון קומענדיגע יאר

<<<<

וועט זיין אין פוילן".

דער ראש ישיבה האט פארציילט: "ס'איז אינטערעסאנט אז אפאר אינגעלייט זענען מיטגעקומען ביים נסיעה פאריאר אפילו זיי האבן נישט אריינגעברענגט די סכום געלט וואס מען האט געדארפט אריינברענגען, נאר ווייל זיי האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז זיי ווילן מיטקומען". וויאזוי האבן זיי געקענט מיטקומען? ווייל ווער עס ברענגט אריין די סכום געלט קען מיטקומען צום נסיעה, אבער אויב מען קען נישט קומען משום איזה סיבה, קען מען עס איבערגעבן פאר א צווייטן.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ס'איז געווען א שיינע נסיעה - אבער אויך א שווערע נסיעה, מען האט געדארפט פארן זיבן שעה פון איין פלאץ צום צווייטן. אבער פוילן דארף זיין א שיינע גרינגע נסיעה, די קברי צדיקים אין פוילן זענען אויסגעשטעלט א שעה אוועק איינס פונעם צווייטן. עס וועט זיין א שיינע און קורצע נסיעה מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט די בחורים ווער פון זיי עס גייט נאך הפצה, האט איינער געזאגט אז ער גייט נאר אביסל. האט דער ראש ישיבה אים געפרעגט "אביסל? מען דארף גיין אביסל אסאך!".

דער ראש ישיבה האט פארציילט: איינער האט געזאגט פאר המפיץ ר' נתן יאקאבאוויטש הי"ו, אז ס'איז א שאד צו טיילן קונטרסים, ווייל עס קומט אן אין מיסט, האט אים ר' נתן געענטפערט "וואס פאסירט מיט א פלעסטיק טעלער נאכדעם וואס מען נוצט עס? עס גייט אין מיסט. נו, ליין דעם קונטרס און נאכדעם קענסטו עס אוועקווארפן..."

דער ראש ישיבה האט אנגעזאגט פאר די בחורים אז מען טאר זיך נישט באליידיגן ווען מען גייט הפצה, הפצה איז נישט געמאכט פאר שוואכע הערצער. אויב איינער ווערט באליידיגט ווען איינער ווארפט אראפ, ווען איינער שפייט, דעמאלטס איז עס נישט פאר דיר, שטעל דיך אין די זייט. דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט: "מען דארף האבן מפיצים וואס זענען פאזיטיווע מענטשן, ווייל מען קען אין איין רגע אריינגיין אין א קריג מיט איינעם, אדער קען מען געבן א שמייכל, און געגאנגען ווייטער".

דערנאך איז מען אריין אין א שמועס וועגן די ביליגע חתונות אין ישיבה, איינער האט געפרעגט דעם ראש ישיבה, אויב די ישיבה וועט ווערן פארנומען יעדע נאכט מיט חתונות, וועט דער ראש ישיבה אנהייבן צו בעטן געלט? האט דער ראש ישיבה אים צוריקגעפרעגט: "און אויב קומט א ריזיגע עולם ביי שלש סעודות זאל איך אנפאנגען צו בעטן געלט פאר בילקעלעך?" אלע קהלות שטעלן צו עפעס סערוויס פאר זייער קהילה, דאס איז ביי אונז די סערוויס, אז ס'קאסט נישט קיין געלט צו חתונה מאכן.

האט יענער ווייטער געפרעגט, און אויב א איד נישט פון היכל הקודש וועט וועלן דא חתונה מאכן, וועט ער קענען דא חתונה מאכן? האט דער ראש ישיבה געזאגט: "עס גייט נישט געשען, זיי גייען נישט קומען, איך האב שוין צענדליגע מאל געהאט מענטשן וואס זאלן פרעגן, מענטשן האבן געקלינגען און געזאגט יא כ'וועל זען, און צום סוף האט מען שוין געשאפט א נדבן צו חתונה מאכן אין א זאל, מען וויל נישט גיין אויף ברסלב. אפילו אין די צייטן פון קאראנע ווען מען האט זיך געדארפט באהאלטן, איז קיינער נישט געקומען. ברסלב איז אזוי פארשעמט מיט אזויפיל לשון הרע'ס".

איינער האט אמאל געזאגט פאר א ברסלב'ע חסיד "ווייסט וואס איז געווען ביי מיין רבי 'שמחת תורה'? 'סכנת נפשות'! מען האט זיך געשטופט ביז סכנת נפשות ממש". האט דער ברסלב'ער חסיד אים געזאגט: "ביי אונז אין בית המדרש איז געווען 'מחי' נפשות".

אינמיטן די באטע איז איינע פון די קינדער ארויסגעקומען פון בעט זאגן אז ער שפירט נישט גוט, ווייל זיינע אויגן מאכן זיך צו פון זיך אליינס... אלע האבן זיך איינגעהאלטן פון לאכן, אבער דער ראש ישיבה האט אים געענטפערט אז ס'איז גארנישט, ס'איז א גוטע סימן.

דער ראש ישיבה פארציילט אז איינער איז אמאל געקומען צום דאקטער זאגן, ער ווייסט נישט וואס צו טוהן, זיין הארץ קלאפט לעצטענס... האט אים דער דאקטער בארואיגט ער זאל זיך נישט זארגן "מיט די צייט וועט עס אויפהערן".

מען האט געשמועסט וועגן די מלחמה פון רוסלאנד מיט אוקריינא, דער ראש ישיבה האט געזאגט: "מענטשן וואס האבן נישט קיין אמונה ווערן ממש אויס"! און דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "רבי נתן האט געזאגט אז מלחמת גוג ומגוג גייט זיין אינעם מח פון יעדן איינעם, עס וועט זיין א מלחמה אין די מח, דער אייבערשטער היט מיר טאקע? דער אייבערשטער איז מיט מיר?

האט זיך איינער אנגערופן: "אבער מען זעט ביי די צווייטע וועלט מלחמה, אז די מענטשן וואס זענען אנטלאפן זענען למעשה געבליבן לעבן". האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "וואו גייסטו לויפן? וואו ווילסטו אוועקלויפן? מען קען נישט אוועקלויפן, נאר אז דער אייבערשטער זאגט, נאר אז די אייבערשטער וויל".

<<<<

און דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "מארגן צופרי וועל איך זען, אויב ס'איז נישט דא קיין מלחמה גיי איך גיין אין מקוה, איך גיי לייגן טלית און תפילין, און אנהייבן לערנען חומש פרשת ויקהל. אבער איך קען נישט יעצט לעבן אין שרעק אז ס'גייט זיין א מלחמה, כ'וועל זעהן מארגן אינדערפרי וואס דער מצב איז. און מאנטאג אינדערפרי וועל איך אויך טון די זעלבע זאך, איך גיי אויפשטיין, איך גיי ארויסקוקן פון פענסטער זעהן אויב ס'איז נישט דא קיין מלחמה..."

ס'איז דא א בריוו אין "אשר בנחל" וואס דער בריוו האט מיך שטארק מקרב געווען, מוהרא"ש שרייבט פאר איינעם "הער מיר אויף צו משוגע מאכן, שוין אפאר חדשים קומסטו מיר זאגן אז דיין דאקטער האט דיר געגעבן נאך פינף טעג צו לעבן און דו גייסט שוין שטארבן. וואס ווילסטו פון מיר? אז די דאקטער האט דיר געזאגט דו גייסט לעבן נאך איין טאג, ליין ערליך קריאת שמע ביינאכט, און געב דיר איבער צום אייבערשטן. אינדערפרי אז דו שטייסט אויף און דו זעסט דו לעבסט נאך, טאנץ אריין אין מקוה, דערנאך שטעל דיר דאווענען, פריי דיר מיט'ן לעצטן שחרית אויף דער וועלט, ווייל דער דאקטער האט געזאגט דו גייסט שוין נישט לעבן".

מוהרא"ש שרייבט דארט ווייטער אינעם בריוו: "די דאקטוירים האבן מיר אויך געזאגט אז איך האב נאך צוויי וואכן צו לעבן, און ס'איז שוין אדורך זייט דעמאלטס צוואנציג יאר. און יעדן טאג טראכט איך אז היינט איז מיין לעצטע טאג וואס איך גיי לעבן, איך שטעל מיר דאווענען דעם לעצטן שחרית, דערנאך וואש איך מיר פת שחרית, און נאכדעם כאפ איך אריין צו לערנען מקרא, משנה, גמרא, דערנאך בין איך זיך מתבודד". האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט: "דאס איז גאר א שיינע בריוו, אזא שטארקע שכל וואס מוהרא"ש לערנט אונז דא אויס!"

דער ראש ישיבה האט פארציילט: "אלס בחור ווען איך האב געלערנט אין א געוויסע ישיבה, האט דארט געארבעט א גר, און ווען מען פלעגט אים פרעגן ווי אלט ער איז? פלעגט ער זאגן איך האב צוויי געבורטס טעג, איינס ווען מיין גוף איז געבוירן געווארן, לויט דעם חשבון בין איך יעצט זיבעציג יאר, די צווייטע געבורטס טאג איז ווען איך בין געווארן א איד, במילא בין איך יעצט פינף און דרייסיג יאר".

איז געווען ברסלב'ע חסידים וואס מען פלעגט זיי פרעגן ווי אלט ביסטו? פלעגן זיי צוריקפרעגן: "מיינסט צו פרעגן ווען מיין גוף איז געבוירן געווארן, אדער פון ווען איך האב אנגעפאנגען לעבן מיטן אייבערשטן?"

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "ס'איז אזא נס אז מיר זענען מקורב צום הייליגן רבי'ן, ווען נישט דעם רבי'ן ווי אזוי וואלט איך אויסגעזען היינט? נאך א נס אז מ'איז ביים רבי'ן! מען קען דאך לעבן א גן עדן לעבן!

דער ראש ישיבה האט פארציילט: ווען איך בין געווען אין שטעטל בין איך געגאנגען צו א משפחה, פראווען א סיום מסכתא מיט די קינדער, זעה איך ווי עס הענגט א טאוול אויפן טיר 'ברוכים הבאים לגן עדן'. א מענטש זעט דאס פרעגט ער "וואס הייסט, דאס איז דיין גן עדן?" יא, דא איז מיין גן עדן! איך פריי מיך אהיימצוקומען! נאר א ברסלב'ער קען אויפהענגען אזא טאוול".

נאכדעם האט מען געזינגען זמירות פון מוצאי שבת.

דער ראש ישיבה האט פארציילט: "א וואך פאר די הסתלקות פון הייליגן רבי נתן זי"ע, איז ארויס א שמועה אין שטאט אז די דאך פון די ארטיגע מקוה איז צאמגעפאלן, ס'איז געווען אינמיטן ווינטער, עס האט געהערשט א שרעקליכע פראסט. עס האט אויסגעזעהן אז מען וועט נישט קענען גיין אין מקוה, אבער רבי נתן האט געזאגט אז ער וויל יא גיין אין מקוה, ווען מען איז אנגעקומען צום מקוה האט מען געזען אז ס'איז אפילו נישט צאמגעפאלן. אבער רבי נתן איז געווען גרייט צו גיין אין מקוה אפילו עס איז נישטא קיין דאך, און עס הערשט א שרעקליכן פראסט".

ווען רבי נתן איז ארויסגעקומען פון מקוה האט ער געזאגט: "איך בין מבטיח ווער עס וועט גיין אין מקוה, וועט צום סוף האבן א תקוה, ער וועט ווערן א ערליכע איד. זאל זיין ווער זאל זיין, אויב א מענטש וועט זיין שטארק אין מקוה וועט ער אלעס פארריכטן".

מקוה האט צוויי טייטשן, מקוה מיינט איינגעזאמעלט, און מקוה איז אויך א לשון פון תקוה - האפענונג, אז א מענטש גייט אין מקוה וועט ער האבן א האפענונג, אז מען גייט אין מקוה - האט מען צום סוף א תקוה.

ש'כח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא הערליכע מלוה מלכה ביים ראש ישיבה שליט"א, און דאס אפשרייבן פאר די חשובע ליינער, נאך איינער זאל קענען הערן א שיחה פונעם רבי'ן און דורך דעם וועלן ווערן א ערליכער איד, און אנהייבן דאווענען און לערנען.



# „מעשיות פון תפילה„

## אליעזר שמן - קרית ברסלב:

איך האב געמאכט א נייע קרעדיט קארד פאר מיין ביזנעס, ס'האט געהאט גאר א גרויסע קרעדיט לימיט (א גרויסער סכום וויפיל מען קען בארגן). אפאר טעג נאכ'ן עס עפענען זע איך אז איינער האט גענוצט דעם קארטל פאר גאר א גרויסער סכום געלט.

איך האב גלייך אנגערופן די באנק זאגן אז איינער האט גענוצט מיין קארטל אן מיין וויסן און איך דארף צוריק דאס געלט, די קארטל איז געווארן גענוצט אין א ווייטע שטאט וואו איך בין נאך אין מיין לעבן נישט געווען. ברוך השם זיי האבן צוריק געלייגט די געלט.

אפאר טעג שפעטער רופן זיי מיך אן אז זיי זענען עס נאכגעגאנגען, און ווי עס קוקט זיי אויס איז עס יא געווען איך, ממילא ווילן זיי צוריקנעמען די געלט און איך וועל עס דארפן באצאלן. מיר איז שלעכט געווארן וויל איך האב געוויסט ביי מיר אז איך האב נישט גענוצט די געלט און איך ווייס קוים וויאזוי דער פלאץ הייסט.

איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז די באנק זאל געוואויר ווערן די אמת און מיר צוריקגעבן די געלט. אויך האב איך מנדב געווען צו דרוקן ספר אשר בנחל. ס'איז געקומען סוף חודש און גארנישט האט זיך גערירט איך האב געדארפט באצאלן די מינימאלע צאלונג אויפן קארטל, אבער איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן און נישט אויפגעגעבן.

איין טאג כאפ איך א בליק אין מיין קארטל און איך זע נישט מער און נישט וויניגער די גאנצע געלט איז געווארן צוריקגעלייגט אן דארפן רעדן צו קיינעם און זיך בעטן ביי קיינעם - נאר ביים אייבערשטן!

שכח אייבערשטער.

## ישראל פוקס - קרית ברסלב:

איך האב גענומען מיין ווייב צו איינקויפן און אפאר געשעפטן אין קרית יואל, פאר'ן אהיים גיין האבן מיר זיך געכאפט אז עס פעלט אין בעג מיט זאכן וואס מיר האבן געקויפט, איך האב עס איבערגעלאזט ביי איינע פון די געשעפטן וואו מיר זענען געווען.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן טרעפן די זאכן שנעל און גרינג, איך בין אריין אין אפאר פון די געשעפטן וואו איך האב געטראכט אז ס'קען זיין, אבער גארנישט געטראפן.

איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן, ביי איינע פון די געשעפטן זאגט אונז איינער אז ס'קען זיין אז ס'ליגט דארט ווי מען לייגט אלע פארלוירענע זאכן און ער האט מיר געגעבן די נומער פון דער מענטש וואס דארף צו וויסן.

איך האב אים אנגערופן און געפרעגט צו ער ווייסט, זאגט ער מיר "קום יעצט אריבער".

שכח אייבערשטער אז מיר זענען אנגעקומען פונקט א מינוט פארן שפארן דעם פלאץ און יא! די בעג איז דארט געווען. שכח אייבערשטער!

## הערשי שניטצלער - קרית ברסלב:

איך האב א טייערע בלוטו"ט וואס האט צוויי שטיקלעך, איינס פאר די רעכטע אויער און איינס פאר די לינקע, אפאר טעג צוריק האב איך פארלוירן איין שטיקל, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן אבער איך האב עס נישט געקענט טרעפן.

איך האב אבער נישט אויפגעגעבן וויל איך האב געדענקט וואס דער ראש ישיבה זאגט אונז אייביג אז 'תפילה העלפט' האב איך ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן, און צוגעזאגט צו לאזן א מעשה פון תפלה אין די "קרית ברסלב בלעטל".

שכח אייבערשטער נאך אפאר טעג בעטן האב איך עס געטראפן ליגן אינטערן בעט.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פ' צַו, שׁוּשַׁן פּוּרִים, ט"ו אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ו לפ"ק**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוֹת פוּן פּוּרִים; דִי רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן י): "**כְּשֶׁיֵּשׁ חַס וְשָׁלוֹם דִינִים עַל יִשְׂרָאֵל, עַל יְדֵי רִיקוּדִים וְהַמְחָאַת כַּף אֶל כַּף נַעֲשֶׂה הַמְתָּקַת הַדִּינִים**", דוּרְךְ פַּאטְשְׁן אִין טַאנְצְן נֶעמְט מֶען אַרָאפּ אַלֶע דִינִים פוּן אִידְן; פּוּרִים הָאט מֶען אַסַאךְ גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעפַּאטְשְׁט, הָאט מֶען זִיכֶער אַרָאפְּגֶענוּמֶען אַסַאךְ דִינִים פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר אַז דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵייליךְ שַׁבָּת, אוּן דוּ זָאלְסְט מַאכְן פְרֵייליךְ דַיין וַוייבּ, דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל שְׁרַייבְּט (לִיקוּטֵי תּוֹרָה, פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא) אַז **וְשָׁמְרוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת** אִיז ר"ת בִּיאָה; אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל זַיין צֶעקְרִיגְט שַׁבָּת, אוּן מֶען זָאל בְּלָאזְן אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן, אוּן נִישְׁט זַיין צוּזַאמֶען וְכוּ'.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פָארִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת אִין בָּארָא פַּארְק בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, הָאבּ אִיךְ בֵּייגֶעוואוֹינְט אַן אִינְטֶערֶסַאנְטֶע זַאךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי אַ אִיד וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעזוּנְט אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אוּן גֶעשְׁרִיגֶען אַז עֶר הָאט אַ דִּבּוּק; עֶר אִיז גֶעוֶוען בְּלַאס אוּן גֶעשְׁוִויצְט.

הָאבּ אִיךְ מִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס מוֹהֲרַ"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אַפָּאר יָאר צוּרִיק וֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַז אֵיינֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט אַ דִּבּוּק וְכוּ'; עֶס אִיז גֶעוֶוען לֵיל שִׁשִּׁי אוּן יֶעדֶער הָאט גֶעוַוארְט צוּ הֶערְן וָואס מוֹהֲרַ"שׁ גֵייט זָאגְן, צִי דֶער דִּבּוּק אִיז אֱמֶת אָדֶער נִישְׁט. אוּן מוֹהֲרַ"שׁ הָאט דֶעמָאלְט אָנְגֶעפַאנְגֶען דֶעם שִׁיעוּר מִיט דִי וֶוערְטֶער: "דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דְרֵייט זִיךְ אִיבֶּער וֶועגְן אַ דִּבּוּק, אוּן קֵיינֶער כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיר אַלֶע הָאבְּן אַ דִּבּוּק; אֵיינֶער הָאט אַ דִּבּוּק פוּן גֶעלְט - עֶר טְרַאכְט נָאר פוּן גֶעלְט, כְּאִילוּ גֶעלְט קֶען הֶעלְפְן אַ מֶענְטְשׁ. אֵיינֶער הָאט אַ דִּבּוּק פוּן נִיאוּף - עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין אִין גַאס גְרָאד, עֶר מוּז קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע פְרוֹי אוּן אוֹיף יֶעדֶע מֵיידְל רַחְמָנָא לִצְלָן"; אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דֶעם דִּבּוּק אִיז שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל פָּטוּר וֶוערְן פוּן מַיין דִּבּוּק, אוּן אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן אוּן מַיין מַחֲשָׁבָה, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אוּן אִיךְ וִויל זַיין פְרֵייליךְ וְכוּ' וְכוּ'**".

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵייליכְן שַׁבָּת.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## נישט קוקן אויף נעכטן

דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: א בחור א תלמיד הישיבה איז אמאל אריין צו מוהרא"ש זכר צדיק לברכה, ער האט געוואלט מאכן פאר מוהרא"ש א נחת רוח, האט ער געזאגט פאר מוהרא"ש, "עס איז שוין אדורך כך וכך יאר וואס איך זאג יעדן איינציגסטן טאג ח"י פרקים משניות, איך האב נאך קיין איין טאג נישט פארפעלט דאס זאגן ח"י פרקים משניות". דער בחור איז געווען זיכער אז ער וועט באקומען פון מוהרא"ש א קאמפלימענט און מוהרא"ש וועט באוואונדערן זיין עקשנות דקדושה אז עס איז שוין עטליכע יאר וואס ער פארפעלט נישט דאס זאגן ח"י פרקים משניות. צו זיין איבערראשונג, אנשטאט אים גראטולירן און מאכן אן עסק פון אים האט מוהרא"ש אים געזאגט מיט א שמייכל, "**אויב עס איז אדורך א טאג וואס דו האסט משום איזה סיבה שהוא נישט געגעסן נאכטמאל, וועסטו דעם מארגנדיגן טאג נישט עסן קיין נאכטמאל ווייל דו האסט נעכטן נישט געגעסן?** זיכער אז נישט!

יעדן טאג איז א טאג פאר זיך, אויב האב איך איין טאג נישט געהאט קיין נאכטמאל וועל איך כאטש דעם קומענדיגן טאג עסן עפעס". "די זעלבע זאך איז אין עבודת השם, אין תורה ותפילה - זאגט מוהרא"ש זכר צדיק לברכה ווייטער - אויב דו וועסט איין טאג נישט אנקומען צו זאגן ח"י פרקים משניות וועסטו דעם קומענדיגן טאג נישט עפענען א משניות?! **יעדער טאג איז א טאג פאר זיך**".

דער בחור איז געווען זייער אנטוישט, ער האט זיך גערישט מוהרא"ש וועט אים אויסרומען און אויסליבן און ביז דערווייל איז געווען פארקערט, ער איז גלייך צוגעגאנגען צום ראש ישיבה שליט"א און דערציילט די גאנצע מעשה, האט אים דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "מוהרא"ש וויל דיר אנגרייטן אויפן לעבן, עס וועט אמאל זיין א טאג וואס דו וועסט נישט קענען לערנען זאלסטו נישט אפלאזן דעם משניות נאר ווייטער לערנען". וכך הוה, דער בחור האט חתונה געהאט, צוליב די פארשידענע טרדות וואס מאכט זיך כסדר ווען מען האט א שטוב מיט קינדער וכו' איז אמאל אויסגעקומען ער האט אויסגעלאזט איין טאג ח"י פרקים משניות.

דעמאלט האט ער זיך דערמאנט אין דאס וואס מוהרא"ש האט אים געזאגט. אזוי האט ער זיך געקענט שטארקן דעם קומענדיגן טאג און עפענען דעם משניות און נישט זיין צעבראכן פון דעם וואס דעם פריערדיגן טאג האט ער נישט געקענט זאגן ח"י פרקים משניות; ווען נישט דעם וואס מוהרא"ש גרייט אים אן מיט די הקדמה, "מען קען נישט קוקן אויף נעכטן", וואלט ער זיך נישט געקענט מחזק זיין ווייל ער האט שוין נישט דעם "שוין אזויפיל יאר וואס איך האב נישט אויסגעלאזט קיין איין טאג ח"י פרקים משניות"... אזוי אז מוהרא"ש האט אים אנגעגרייט האט ער געוויסט אז "**פון היינט וועל איך דינען דעם אייבערשטן**".

# א מעשה
## פון א צדיק



### אַז דו ווילְסְט וָועסְטוּ קֶענֶען

אַמָאל איז גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז אִיר הָאט אַ נֵייעֶם וֶועג! אוּן אִיךְ ווֶעל אַייךְ פְרֶעגְן דֶערוֹיף קַשְׁיוֹת, אוּן אִיךְ הָאף אַז אִיר ווֶעט נִישְׁט אוֹיף מִיר בְּרוֹגֶז זַיין, זָאגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז, אִיר קֶענְט פְרֶעגְן!

עֶר פַאנְגְט אִים אָן צוּ פְרֶעגְן, פוּן וואוּ עֶר נֶעמְט דֶעם נֵייעֶם וֶועג; הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ פַארְצֵיילְט וויאַזוֹי עֶר איז גֶעבּוֹירְן גֶעווָארְן אוּן אַז דֶער טַאטֶע הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט צַווָואָה, אוּן גֶעזָאגְט: יִשְׂרָאֵל'יק! זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, זָאלְסְט ווִיסְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא מִיט דִיר, בַּיי דִיר, אִין דִיר, אוּן וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְן זָאלְסְטוּ נָאר בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר ווֶעט דִיר אַלֶעס גֶעבְּן. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר מִיט אִים גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן אַיין שְׁמוּעֶס צוּם צְווֵייטְן, בִּיז עֶר זָאגְט אִים: וֶועסְט זֶעהְן אַז אֲפִילוּ וָואס אַ גוֹי זָאגְט, זָאגְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער.

פְלוּצְלִינְג קְלַאפְּט אַרַיין אַ גוֹי אַ הֶענְדִי-מַאן אוּן פְרֶעגְט: אִיר הָאט עֶפֶּעס צוּ פַארֶעכְטְן? זָאגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: גֵיי גֵיי, בַּיי מִיר אִיז אַלֶעס פַארְרַאכְטְן. אָבֶּער ווִיבַּאלְד יֶענֶער ווִיל פַארְדִינֶען אַפָּאר גְרָאשְׁן לָאזְט עֶר נִישְׁט נָאךְ אוּן פְרֶעגְט: אֶפְשָׁר בַּיים טִישׁ אִיז עֶפֶּעס צוּבְּרָאכְן אָדֶער קַאלְיֶע גֶעווָארְן? עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ בַּיי מַיין טִישׁ אִיז אַלֶעס בְּסֵדֶר! פְרֶעגְט עֶר: אֶפְשָׁר דֶער בֶּעט דַארְף מֶען פַארְרֶעכְטְן? עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: מַיין בֶּעט אִיז בְּסֵדֶר. אַזוֹי הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִי שְׁטוּבּ, בִּיז עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, דוּ זֶעהְסְט: עֶר אִיז מַיין מוּסַר סֵפֶר! עֶר זָאגְט מִיר: אֶפְשָׁר מַיין טִישׁ אִיז נִישְׁט בְּסֵדֶר אַז אִיךְ עֶס חָלִילָה נִישְׁט קַיין כָּשֵׁר'ע זַאכְן? זָאג אִיךְ אִים: מַיין טִישׁ אִיז בְּסֵדֶר, פְרֶעגְט עֶר: אֶפְשָׁר בַּיים בֶּעט טוֹיג נִישְׁט? אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: בַּיי מִיר אִיז דִי בֶּעט גוּט, אוּן אַזוֹי מִיט יֶעדֶע זַאךְ.

זָאגְט דֶער גָאוֹן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: אַלֶעס קֶען אִיךְ אָנְנֶעמֶען, אָבֶּער נִישְׁט דָאס, אַז אַ גוֹי זָאל מִיר זָאגְן מוּסָר, אוּן אַז ווֶען דֶער גוֹי רֶעדְט, אִיז עֶר אַ שָׁלִיחַ פוּן בַּאשֶׁעפֶער. זָאגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: זָאג נִישְׁט אַז דוּ קֶענְסְט דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען, זָאג אַז דוּ ווִילְסְט דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען, ווִיל; וֶועסְטוּ קֶענֶען! מִיט דִי ווֶערְטֶער אִיז עֶר אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען מִיט כַּעַס פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ.

אוֹיפְן וֶועג הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ גֶערֶעגְט אוּן גֶעגִיפְט, דָאס לֶערְנְט מֶען דָא, אַז אֲפִילוּ וָואס אַ גוֹי זָאגְט, אִיז דָאס דֶער בַּאשֶׁעפֶער? אוּן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַז 'דָאס קֶען אִיךְ נִישְׁט אָנְנֶעמֶען', זָאגְט עֶר: 'דוּ קֶענְסְט יָא נָאר דוּ ווִילְסְט נִישְׁט'.

אַזוֹי פָארֶענְדִיג אִינְמִיטְן וֶועג, הָאט זִיךְ אַ וָואגְן פוּל מִיט פֵּירוֹת אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אוּן דֶער גוֹי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַלֵיין אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם פֶערְד, הָאט זִיךְ דֶער גוֹי גֶעבֶּעטְן בַּיי דֶעם רַב: קוּמְט אוּן הֶעלְפְט מִיר אַרוֹיס, זָאגְט עֶר אִים: אִיךְ קֶען נִישְׁט! זָאגְט אִים דֶער גוֹי: זָאג נִישְׁט דוּ קֶענְסְט נִישְׁט, זָאג דוּ ווִילְסְט נִישְׁט, וֶועסְט ווֶעלְן, וֶועסְטוּ קֶענֶען מִיר הֶעלְפְן אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם פֶערְד!

ווִי נָאר עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעזוּכְט נָאךְ מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי גֶעבֶּעטְן לָאמִיר אִים הֶעלְפְן, אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ צוּרִיק גֶעפָארְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, כְּדֵי דָאס אִים צוּ פַארְצֵיילְן אוּן מוֹדֶה זַיין צוּ אִים, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אִיז אִים שׁוֹין אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: הָאסְט זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַזוֹי ווִי מַיינֶע אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים? אוּן אַז דִי ווִילְסְט וֶועסְטוּ קֶענֶען.

(קונטרס "א גוטער מאלער")



# דעם רבי'נ'ס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 26

**פארזעצונג פון פריער:**

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעפָארְן צוּזַאמֶען מִיט אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט קַיין מִירוֹן, צוּם צִיוּן פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי. פוּן דָארְט זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּ נָאךְ קִבְרֵי צַדִיקִים. אוּן דַאן זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הוֹיכְן בַּארְג נֶעבְּן צְפַת צוּ דִי מְעָרָה פוּנֶעם תַּנָא רֶבִּי כְּרוּסְפְּדָאִי. סְ'אִיז אָבֶער נִישְׁט גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ אַרוֹיפְצוּגֵיין אַהִין מִיטְ'ן אֵייזְל, אִיז דֶער רֶבִּי אַרָאפְּגֶעשְׁפְּרִינְגֶען פוּנֶעם אֵייזְל אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען אַלֵיין מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער אַרוֹיף דֶעם בַּארְג.

...

צוּרִיק קוּמֶענְדִיג פוּן דָארְט, זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ מְעָרָה פוּן אַ יְנוּקָא, אוּן אִין יֶענֶעם מְעָרָה פְלֶעגְן מֶענְטְשְׁן מוֹרָא הָאבְּן אַרַיינְצוּגֵיין, וַוייל מְ'הָאט גֶעזָאגְט אַז סְ'אִיז דָא אַ שְׁלַאנְג בַּיים אַרַיינְגַאנְג צוּ דִי מְעָרָה.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם, עֶר אִיז יָא אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אַהִין, סְ'אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ וָוארְצְל פוּן אַ בּוֹים וָואס אִיז גֶעלָאפְן אִין דִי מְעָרָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶעכַאפְּט אוֹיף דֶעם וָוארְצְל אוּן אִיז אַזוֹי אַרַיין, אוּן סְ'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שׁוּם שְׁלַאנְג דָארְט. אוּן פוּן דֶעמָאלְט אוּן וַוייטֶער הָאבְּן מֶענְטְשְׁן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּגֵיין אַהִין אָן קַיין פַּחַד. אַזוֹי זֶענֶען אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען צוּ אַלֶע מְעָרוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט קַיין טְבֶרְיָה.



**די שטאט חיפה היינטיגע צייטן**

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק אַז עֶר זָאל פָארְן קַיין חֵיפָה אוּן דִינְגֶען אַ שִׁיף צוּ קֶענֶען אַהֵיימְפָארְן. ר' יִצְחָק אִיז טַאקֶע גְלַייךְ אַהִינְגֶעפָארְן דִינְגֶען אַ שִׁיף.

אָנְקוּמֶענְדִיג קַיין חֵיפָה, אִיז דֶעמָאלְט אָנְגֶעקוּמֶען אַ שִׁיף מִיט אַסַאךְ אִידְן, צְוִוישְׁן זֵיי דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יַעֲקֹב שַׁמְשׁוֹן מִשְׁפִּיטִיוְוקָא זי״ע, אוּן אוֹיךְ אַסַאךְ מְשׁוּלָחִים וָואס זֶענֶען גֶעשִׁיקְט גֶעוָוארְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּזַאמְצוּנֶעמֶען גֶעלְט אִין חוּץ לָאָרֶץ פַאר דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע אִידְן, אוּן יֶעצְט זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט דָאס גֶעלְט, אוּן אַזוֹי וִוי סְ'אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט דֶער פַּחַד פוּן דֶעם מָסוּר, הָאבְּן זֵיי גְלַייךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט פַאר ר' יִצְחָק, אַז עֶר זָאל עֶס טְרָאגְן אוֹיף טְבֶרְיָה, אוּן בַּיי זֵיי זָאלְן מֶען גָארְנִישְׁט טְרֶעפְן, וַוייל זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דִי מְסִירוּת פוּן דֶעם מָסוּר וָואס הָאט גֶע'מַסְרְ'ט אַז מְ'בְּרֶענְגְט גֶעלְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דַאן הָאט ר' יִצְחָק שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט קוֹיפְן אַ בִּילֶעט פַארְ'ן שִׁיף, עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעמוּזְט צוּרִיקְגֵיין קַיין טְבֶרְיָה צוּ טְרָאגְן דָאס גֶעלְט, אוּן אָנְקוּמֶענְדִיג קַיין טְבֶרְיָה הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אַז עֶר הָאט גֶעמוּזְט גְלַייךְ צוּרִיק קוּמֶען בְּרֶענְגֶען דָאס גֶעלְט פוּן דִי מְשׁוּלָחִים. הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט, "וַוארְשֵׁיינְלִיךְ וִויל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר זָאלְן נָאךְ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאר נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט".

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מְ'זָאל דִינְגֶען אֵייזְלֶען צוּ גֵיין קַיין יְרוּשָׁלַיִם, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי״ע הָאט דָאס אָבֶער גֶעהֶערְט, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין קַיין יְרוּשָׁלַיִם.

דֶערְנָאךְ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין טְבֶרְיָה דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יַעֲקֹב שַׁמְשׁוֹן מִשְׁפִּיטִיוְוקָא זי״ע, בַּיינַאכְט הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה לְכָבוֹד דֶער הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים פְּרִיוַואט, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט מִיטְגֶעהַאלְטְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט צְוִוישְׁן זִיךְ.

דֶעמָאלְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעמַאכְט שָׁלוֹם צְוִוישְׁן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי יַעֲקֹב שַׁמְשׁוֹן מִשְׁפִּיטִיוְוקָא זי״ע, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי״ע, וַוייל זֵיי הָאבְּן פַארְדֶעם גֶעהַאט אַ מַחְלוֹקֶת אִיבֶּער דִי גֶעלְט וִוי אַזוֹי עֶס צוּ צֶעטֵיילְן, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי״ע הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי״ע, אוּן אַסַאךְ צַדִיקִים - צְוִוישְׁן זֵיי אוֹיךְ רֶבִּי יַעֲקֹב שַׁמְשׁוֹן מִשְׁפִּיטִיוְוקָא זי״ע - הָאבְּן גֶעהַאלְטְן מִיטְ'ן בַּעַל הַתַּנְיָא זי״ע, אָבֶער דָארְט בַּיי יֶענֶע סְעוּדָה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שָׁלוֹם גֶעמַאכְט צְוִוישְׁן זֵיי.

# קלאסיפיידס

## דירות אין שטעטל פאר שבתים

פאר א שבת אדער פאר א קודצע צייט

יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618

יואל וועבעדמאן – 845-662-8423

יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122

אברהם הערש וועבעדמאן – 845-492-0566

## HURLEYVILLE LEASING

AUTO SALES & LEASING



- Luxury all inclusive Auto Broker
- Prices reduced below dealer invoiced rates
- Free expedited pickup and delivery nationwide
- Specializing in hard-to-locate cars
- Lowest rate insurance services included
- Most competitive prices with no hidden fees!

845-720-0041 | www.hurleyvilleleasing.com
Sales@hurleyvilleleasing.com

## Baby Gemach

Car seats, pack & play for newborns and toddlers, twin carriage, single stroller and more

Call Mishpachas Berenbaum
347-543-8313

## ארבעטס פארמיטלונג

זוכט איר ארבעט, אדער זוכט איר א ארבעטער?

רופט אונז אן און מיר וועלן אייך צושטעלן די בעסטע

ארבעט אדער ארבעטער וואס מעגליך בעזרת השם.

רופט שלמה יאקאבאוויטש
845-637-5367

## קרית ברסלב שריפת חלה

האט איר חלה צו פארברענען? רופט אונז אריין עס

האט דעם הכשר פונעם דיין שליט"א

אלעזר שמן
917-202-1206
Free pick up

## Personality Jewelry
## Sold by Breindy Tyrnauer

Everything to enhance a lady, kallah, and girls appearance for great prices

I also do ear piercing with experience for newborns and all ages

Ready to serve anytime by appointment
347-228-2931

## D&S APPLIANCES

אייער פריינד
דודי לאקס

רופט
718-938-8605

ברסלב
שטיצט ברסלב

# קלאסיפייַדס

## MOUNTAIN HEALTH

Call us today for free same day delivery for all your health food needs
We carry all major brand vitamins and supplements
Place your order early for our delicious Spelt products delivered to your door
Leave a msg every day till 8:00 pm with your exact order for same day delivery
Phone: 845-707-4223
Email: Sam@Mountainhealthy.com
HAVE A HEALTHY DAY

## כל דכפין ייתי וייכול

ווילט איר דאס מקיים זיין מיט אלע הידורים? רופט אונז אן און דאס וועט ווערן פארטיילט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א פאר משפחות אויף יום טוב

רופט אלחנן רוטה
**347-633-4495**

## רוטה'ס טיכלעך

הערליכע נייע טיכלעך אריינגעקומען פארן פרישן סעזאן, אויך פארקויפן מיר טערבעליינערס, וואס וועט אייך גאר שטארק פארגרינגערן דעם בינדן, אדרבה איבערצייגט אייך אליין

רופט משפחת רוטה
**347-633-4946**

## *KB Shuttle*

**Shuttle times pick ups:**

**t10:00, 10:45, 11:30, 12:15, 1:00, 1:45, 2:30**

The shuttle will come and take you to any local and semi-local address, including Shtetel, school, shop rite, South fallsburg, Monticello and any place on the way
Reserve a pick up by texting or calling 845-720-0847 the day before until 8 pm. If you didn't reserve you can still call the driver and request a pick up if available
Membership available.
Get latest updates by joining our text group.
For more info and for any questions call or text.

## ווערט געזוכט

**עס ווערט געזוכט**
**א טויגליכער אינגערמאן**
**צו זיין א ׳מענעדזער׳ אין א**
**גרויסע היימישע קאלאני אין**
**מאנטיסעלא**
**פאר גוט באצאלט.**

**פאראינטערעסירטע ביטע רופן**
**917-440-8180**

# בילדער
## אפטיילונג






שבע ברכות פון החתן שמעון אביש הי"ו ביים ראש ישיבה אין שטוב - א' ויקרא תשפ"ב



המן הענגט אין שטעטל ביי איינע פון די הייזער





חתונה אין ישיבה פון החתן אברהם נ"י בן ר' חיים אלי' צוויבל הי"ו עב"ג ר' אהרן וועבערמאן הי"ו - ג' ויקרא תשפ"ב





דער ראש ישיבה ביים טאנצן מיטן חתן און ביים טאנצן מצוה טאנץ - ג' ויקרא תשפ"ב





הערליכע סיום סדר מועד אין בני ברק פון אלע תלמידים אין ארץ ישראל - ג׳ ויקרא תשפ״ב



מגילה ליינען פונעם ראש ישיבה - פורים תשפ״ב



ביים ראש ישיבה שליט״א אינדערהיים - פורים תשפ״ב





פרייליכע טענץ אין ישיבה צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט״א - פורים נאכמיטאג תשפ״ב



תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים - ערב פורים תשפ״ב



דער ראש ישיבה שליט״א באזוכט אין שטעטל חדר ערב פורים - ג׳ ויקרא תשפ״ב

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | 1 | | | | |
| | 2 | | | | 5 |
| | 6 | | | | |
| 3 | | | 2 | | |
| 6 | | | | 5 | |
| | 5 | | | 1 | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 3 | | | | 4 | | | |
| | | 5 | 6 | 3 | 9 | 2 | | 7 |
| | 9 | | 1 | | 2 | | 8 | |
| 9 | 6 | 4 | | 8 | | 1 | 3 | |
| | 2 | | 4 | | 1 | | 6 | |
| | 8 | 1 | | 6 | | 9 | 5 | 4 |
| | 4 | | 5 | | 6 | | 7 | |
| 1 | | 9 | 3 | 4 | 8 | 6 | | |
| | | | 9 | | | | 1 | |



## א
# שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**יח.** כְּשֶׁאֵין אֱמֶת אֵין חֶסֶד. גַּם אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת חֶסֶד עִם בְּנֵי אָדָם.

**טייטש.** וֶוען עֶס נִישְׁט נִישְׁטָא קַיין אֱמֶת, אִיז נִישְׁטָא קַיין חֶסֶד. אוֹיךְ קֶען עֶר נִישְׁט טוּן חֶסֶד מִיט מֶענְטְשְׁן.



# חידות
## אפטיילונג

**דער הייליגער רבי זאגט: דער יצר הרע דארף נישט די עבירה פונעם מענטש, נאר ער דארף**

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. די כעס נאך די עבירה
ב. די עצבות פון נאך די עבירה
ג. די קשיות אויפן אייבערשטן
ד. די פראבלעמען פון נאך די עבירה

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: **דער הייליגער רבי האט געזאגט: פון ווער איך נעם**

ענטפער: געב איך צוריק

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**שרה הערצאג תחי' - וויליאמסבורג**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת ויקרא?

## פון ראכעס צו לינקס.

7. נעם אריין אין דיר אז עס איז גארנישט דא אויסער דעם _____

8. אלע פחדים און אלע שרעק קומען פון _____

9. הויב אן היינט לערנען די _____, וועסטו שפירן דעם אייבערשטן

11. אלע צדיקים האבן זוכה געווען צו זייערע מדריגות נאר דורך _____

15. אז מען דערציילט דעם אייבערשטן וואס מען האט געטון, איז דער אייבערשטער _____

16. די שענסטע פלאץ וואו צו זיין _____ _____, איז אין שטוב

18. די גוטע ווערטער געבט כח מען זאל בלייבן _____

20. זייער אכטונג געבן נישט צו מאכן א שלעכטע _____ אויפ'ן רבי'ן

## פון אויבן אראפ.

1. אנשטאט זיצן שעות און גארנישט טון, נעם איך א _____, א משניות, און איך בין זיך מתבודד

2. ביים פארשפרייטן דעם רבינ'ס ווערטער, טאר מען נישט זיין קיין _____

3. שטיי ווייט פון _____

4. גיי הפצה, _____ דעם רבינ'ס ספרים

5. דיין ווייב האט גע'פועל'ט דאס קינד זאל זיין _____

6. חזר _____, וועסטו נישט מורא האבן פון גארנישט

10. חזר די ווערטער; דער אייבערשטער איז גוט צו יעדן איינעם, ער האט _____ אויף אלע זיינע באשעפענישן

12. ווער נישט אזוי אריינגעטון אין די מלחמה, באלד וועסטו _____ פון דיין אייגענע מלחמה

13. דורך _____, ווערט די מח ריין פון אלע דמיונות

14. האסט א _____ ווארט, שלינג עס אראפ

17. עס איז נישט כדאי צו _____ געלט

19. ווען א מענטש טוט תשובה, מעקט דער אייבערשטער אויס זיינע _____



# שבת התוועדות סיום סדר מועד - שבת ויקרא תשפ״ב



יושב ראש מו״ה מרדכי אינדיג הי״ו ביים רעדן


דער דיין שליט״א ביי זיין דרשה



דער ראש ישיבה שליט״א ביים משמיע זיין דברות קודש



דער ראש ישיבה וויזט פארן עולם הבחור שמעון עמרם איידליס נ״י וואס האט מסיים געווען ש״ס ביים בר מצוה


מו״ה יעקב לעסער שליט״א ביים מסיים זיין די מסכתא



די אויבן אן ביים טאנצן לכבוד התורה


דער ציבור ביים טאנצן נאכן מסיים זיין די מסכתא


דער ראש ישיבה שליט״א שרייבט אריין אינעם גמרא פונעם נדבן פון די גמרות וואס מען האט אויסגעטיילט